STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06440

DRAY POEMES

N. Y. Gotlib

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דריי פּאָעמעם

נ. י. גאָטליב

דריי פּאָעמעס

אַרויסגעגעבן פון נ. י. גאָטליב בוך קאָמיטעט און
מיט דער מיטהילף פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס

מאָנטרעאַל — 1955

THREE POEMS

By N. J. GOTLIB

1 9 5 5

Printed by
THE EAGLE PUBLISHING CO., LTD.
4075 St. Lawrence Boulevard
Montreal, Canada

אַריינפיר

זומער 1925, קומענדיק פון ראַטנלאַנד אַהיים, קיין ליטע, האָב איך, — אינעם קאָוונער העבּרעאישן חודש־זשורנאַל „הד ליטא", — געגומען דרוקן אַ סעריע אַרטיקלען, רעפּאָרטאַזשן און דערציילונגען, וואָס זענען נוגע דעם יידישן לעבּן אין דער גרויסער סאָוועטישער מדינה. אין איינער פון יענע זאַכן, אונטערן נאָמען „כרמל וקרמל", האָב איך געפּרוווט אָפּשילדערן די חלוצישע בּאַוועגונג אינעם סאָוועטנפאַרבּאַנד. אַ לענגערע צייט איז מיר אויסגעקומען צו שטיין אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט סאָוועטישע חלוצים. צוזאַמען מיט אַ־די יונגע אידעאַליסטישע „כרמל"־יידן האָב איך — אין מאָסקווע, אין דער שטאָט פון קרעמל, — דורכגעמאַכט כל המיני גילגולים. האָב איך געפּרוווט פאַרצייכענען אַ־די איבּערלעבּונגען אין מיין רעפּאָרטאַזש „כרמל וקרמל".

שפּעטער־צו — אין דער קאָוונער העבּרעאישער צווייוואָכן־שריפט „נתיבות" — האָב איך, צווישן אַנדערע זאַכן, געדרוקט מאמרים און עסקיזן, וואָס האָבּן צו טאָן מיטן חלוצישן לעבּן אין ליטע. אין יענע צייטן בּין איך געווען פאַרקניפּט מיט דער ליטווישער חלוצישער בּאַוועגונג. האָבּ איך — צוערשט אין העבּרעאיש און נאָכדעם אין יידיש — געפּרוווט פאַרצייכענען דאָס לעבּן און דעם שטייגער פון די ליטווישע חלוצים.

גייען מיר נאָך פון יענע ווייטע יאָרן — אַ צייט־מהלך פון קרוב צו דריי דעקאַדעס — די־אַ יונגע וווּנדערלאַכע יידן, וועלכע האָבּן זיך, — צוערשט אין די תפוצות און נאָכדעם אין ארץ ישראל, — אַוועקגעשאַנקען דער יידישער

גאולה. גייען זיי מיר אַלץ נאָך און מאָנען פון מיר אַ ליטעראַרישן תיקון. און איך פּרוּוו זיי אַלץ מתקן־זיין. האָב איך עס געטאָן אין צענדליקער אַרטיקלען און דערציילונגען, לידער און פּאָעמעס. האָב איך עס געטאָן אין העברעאישע און יידישע צייטונגען און זשורנאַלן. האָב איך עס געטאָן אין כמעט אַלע מיינע, ביז איצט אַרויסגעגעבענע ביכער. אין אַ צאָל ביכער („בלויע גנאָד", „גאַנג", „זעגלען אין זון", „נייע לידער", „ליטע מיין היימלאַנד"), באַריר איך די טעמע חלוצים — „אויפן שפּיץ גאָפּל"; העכסטנס, טיילווייז. אַנדערע ביכער — מיין פּראָזע־בוך „איבערבוי" און מיין בוך פּאָעמעס „חלוצים" — זענען אינגאַנצן געווידמעט דער חלוצישער טעמע. אָבער ביי די־אָ פּשוטע, אַנאָנימע העלדן בין איך ניט געבליבן שטיין.

מיט די יאָרן איז זיך צעוואַקסן אין מיר אַ תשוקה צו אויסדיכטן ניט בלויז געוויינלאַכע חלוצישע געשטאַלטן, ניט בלויז טאָגטעגלאַכע הכשרהניקעס, וואָס האָבן אַזויפיל אויפגעטאָן — און וואָס טוען אַלץ אויף — פאַרן אויפלעב פון אונזער אַלטן־באַניטן היימלאַנד; נאָר אויך צו פאַרפיקסירן פאַר די קינפטיקע יידישע גענעראַציעס ניט־געוויינלאַכע נאַציאָנאַלע געשטאַלטן. ניט ווייניק זענען זיי, אין די לעצטע עטלאַכע דורות, פאַראַנען, אַ־די יידישע גרויסע פּערזענלאַכקייטן, וועלכע האָבן זיך אַוועקגעשאָנקען דעם אויפלעב פון ציון. האָבן אויך די דאָזיקע „גיבורי האומה" גענומען מיך „פאַרפאַלגן". האָבן אויך זיי גענומען מאָנען פון מיר אַ ליטעראַרישן תיקון. האָב איך זיי אָנגעהייבן מתקן־זיין אין מיין בוך „אַ מענטש אין די הימלען". אין יענעם בוך, אין זיין פערטער אָפּטיילונג, אונטערן נאָמען „ישראל", קומען אַריין, צווישן אַנדערע

זאַכן, וואָס באַרירן די טעמע ארץ ישראל, דריי לענגערע פּאָעמעס: „חנה סענעש”, „יוסף טרומפּעלדאָר” און „אהרן דוד גאָרדאָן”. פּרווו איך אין אָ־די דריי פּאָעמעס אָפּשילדערן און אויסזינגען דריי ניט־געוויינלאַכע יידיש־נאַציאָנאַלע געשטאַלטן. אָט איז די ערשטע געשטאַלט: די יונגע טאַלאַנטפולע דיכטערין חנה סענעש. דערוואַכט זי פרי — אין אַ רייכער אַסימילירטער היים — צו אַ נייעם יידיש־נאַציאָנאַלן לעבן. פאָרט זי קיין ארץ ישראל. מיט זיך דאָרטן צוערשט ווי אַ פּשוטע חלוצה. נאָכדעם, איינמיטן דעם צווייטן וועלטקריג, לאָזט זי זיך פרייוויליק אַוועק אין אַ געוואַגטער שליחות — ראַטעווען יידן אין די לענדער, וואָס בלוטיקן אין די נעגל פון דער נאַצישער חיה רעה. דאָרט ווערט זי געפאַנגען, געפּאָרשט, געפּייניקט. און דאָרטן קומט זי אום על קידוש העם והארץ.

און אָט איז דער איינהאַנטיקער יוסף טרומפּעלדאָר. אַ מערקווירדיקע געשטאַלט. אַ גרויס עטישע פּערזענלאַכקייט. פאַרקניפּט ער זיין גורל מיטן אויפלעב פון אונזער אַלט־נייער מולדת. שאַפט ער די חלוצישע באַוועגונג. אָרגאַניזירט ער דעם יידישן לעגיאָן. בויט ער ארץ ישראל און קעמפּט פאַרן וווקס און וווילזיין פונעם לאַנד. און לסוף, קעמפנדיק העלדיש קעגן מערדערישע אַריינדרינגער, פאַלט ער, אַרויספליסטערנדיק די ווערטער „אין דבר, טוב למות בעד ארצנו”.

און אָט איז אהרון דוד גאָרדאָן. דער גרויסער מענטש און ייד. דער שאַפער פון „דת העבודה”. צו פופציק יאָר, אַ חלוש, קומט ער קיין ארץ ישראל. נעמט זיך דאָרט מיען ווי אַ פּשוטער אַרבעטער. לעבט אין שווערער נויט. איז זיך מתגבר איבער אַלערליי מכשולים. ווערט לערער און מדריך פון הונדערטער אידעאַליסטישע בחורים און

בחורות. שענקט זיך אוועק ביזן סאמע סוף דעם ווידער־אויפבלי פון פאלק און פון היימלאנד.

האב איך אין א־די דריי פאעמעס באמיט זיך צו באשרייבן און צו אויסדיכטן די לעבנס און אידייען, גע־ראנגלען און אויפטוען פון די דאזיקע דריי יידישע פערזענ־לאכקייטן, וואס האבן זיך מקריב־געווען פארן ווייטערדיקן, באפרייטן און באנייטן קיום פון אונזער נצחדיקער אומה.

איצטער בין איך ממשיך די דאזיקע ארבעט. איך בין זי ממשיך אין די דריי פאעמעס, וואס קומען אריין אין א־דעם בוך. איך בין זי ממשיך מיט דריי גרויסע יידן, וואס קומען פון דריי פארשיידענע לענדער: עסטרייך־אונגארן, רוסלאנד און איטאליע. איך בין זי ממשיך מיט דער מאגישער פערזענלאכקייט פון טעאדאר הערצל — שאפער פון „יידנשטאט", גרינדער פונעם פאליטישן ציוניזם, פארויסזעער פון גאולת ישראל. איך בין זי ממשיך מיטן ברויזנדיקן יוסף חיים ברענער — איינער פון אונזערע געוויסנהאפטיקסטע ווארט־קינסטלער, וועלכער איז, דורך א מערדערישער אראבער־האנט, יונג פארשניטן־געווארן. און ממשיך בין איך א־די ארבעט מיטן פלאמיקן יידיש־איטאליענישן חלוץ ענצא סערעני — א מאן פון וויזיע און טאט; א ייד, וואס האט זיך מקריב־געווען פאר פאלק און היימלאנד; א קדוש, וועמענס גוף איז צעאשט געווארן אינעם קרעמאטאריע־פייער פון דאכאו.

האב איך ניט צופעליק אריינגענומען די דאזיקע דריי יידישע פערזענלאכקייטן צווישן איינע און די זעלביקע בוך־טאוולען. באקענענדיק זיך נעענטער מיט זייערע לעבנס און אידייען, שטרייטן און דערגרייכונגען, האב איך דערזען צווישן זיי, א סך בשותפותדיקעס. אלע דריי האבן זיי, פון קליינוויז אן, געשריבן, געשאפן. אלע דריי זענען

זיי געווען היציקע בעלי חלום; געאומרוט כסדר; געריסן זיך ווו. אלע דריי האבן זיי פארמאגט צארטע, רחמימדיקע נשמות, וואס וויטיקן מיט יעדן ליידנדיקן יחיד (און מיטן גארן צעפלאגטן מין מענטש). אלע דריי האבן זיי פארוים־געזען די איצטיקע גרוילנדיקע וועלט־קאטאקליזמען און דעם יידישן אימהדיקסטן חורבן. אלע דריי האבן זיי געוווּנ־דיקט צוליב די פחדימדיקע פיינען פון זייערע יידישע ברידער; גערופן די ברידער זייערע צו דערלייזונג און זיך גופא, אין פריען עלטער, מקריב־געווען פאר דער יידישער, אזוי אויסגעבענקטער און אויסגעוויטיקטער דערלייזונג.

צו א־די עטלאכע בשותפותדיקע אייגנשאפטן, שטרע־בונגען און דערגרייכונגען קען מען צוגעבן א היפשן צעטל אנדערע. אבער דאס כוללדיקע ביי זיי אלע דריי — הן אין זייערע געזעלשאפטלעכע גראנגלענישן און אויפטוען, הן אין זייערע פערזענלאכע שטרייטן און גורלות, — איז ניט די איינציקע סיבה, צוליב וועלכער איך האב זיי ארייג־גענומען צווישן איינע און די זעלביקע בוך־טאוולען. מיטן איבערגעבן די ביאגראפיעס פון א־די דריי גרויסע יידן און מיטן באשיידענעם פרווו מיינעם אויסצודיכטן זייערע רייכע, קאלירפולע נשמות, האב איך אויכעט באמיט זיך צו געבן א קווערשניט פון די לעצטע זעכציק־זיבעציק יאר אין דער יידישער, טראגיש־דערהויבענער געשיכטע: יארן ביז גאר וויכערדיקע; יארן פון קאטאסטראפאלע אויפברויזן און מאוימדיקע יסורים; יארן פון גרוילנדיקסטן אויסראט און — אתחלתא דגאולה — —

נ. י. גאטליב.

מאנטרעאל, יאנואר, 1955.

טעאַראַ הערצל

אויב איר וועט וועלן,
וועט עס ניט זיין קיין חלום.
ט. ה.

פון חלום צו חלום דורך ברעניקער וואָר,
דורך האַרבן גערעַנגל פון פערציק פיר יאָר.

איך וויל אייך דערציילן, אויסדיכטן פאַר אייך
זיין לעבן זיין קורצן — מיט אויפטועון רייך.

איך וויל אייך דערציילן. גאָט, גיב מיר די קראַפט —
מיין וואָרט מיין באַשיידן זאָל האָבן אַ האַפט.

. . . אָט איז ער, אַ קינד נאָך, אין שטאָט בודאַפּעסט,
אין היימשטאָט אין זיינער, אין היימישן נעסט,

אין דירה — נגידיש, געראַם און צעזונט;
מיט פאָטער, מיט מוטער, — אַן איינציקער זון.

דער פאָטער — אַ סוחר — פאַרנעמיק, סאָליד.
די מוטער — געלערנט און איידל, און ליב.

און אויבעט אַ שוועסטער אַ צאַרטע איז דאָ.
און — לייכט איז פון לעבן אַ יעטווידע שעה.

ער, דאָרי (מע רופט אים פאַרצויגן אַזוי), —
ער וויים נאָר פון פרילינג, פון גרין און פון בלוי;

ער ווייס נאָר פון פרייקייט, פון זיכער און זעט.
און טעג פון זיין לעבן — מיט פרייד אויסגעבעט.

אַ שיינינקער איז ער, מיט קלאָרן געזיכט,
מיט אויגן מיט שוואַרצע, — פאַרטראָגן אין זיך;

געוויקסיק און גראַדיק — אַ זאַנג אין זיין בלי;
מיט פירונג מיט פיינער, מיט ווערדע אין בליק.

פון טאַטן עס אַנקערט אַ שטאָלץ אין זיין זעל.
פון מאַמען מיט גוטסקייט ער ריזלט, ער קוועלט;

און אויך מיט פאָעזיע. אַ דיכטער איז ער.
גייט אום אַ פאַרטרוימטער, מיט שאַפן באַשווערט.

שרייבט מעשיות און לידער — אָן גראַם און מיט גראַם.
און פיעסן פאַרפאַסט ער, און שטעלט זיי — צוזאַם

מיט עלטערער שוועסטער — אין שטוביקן קרייז.
און — ווערט אַלץ מיט נייע יצירות געשפייזט — — —

אַזוי־אָ פאַרטריפן אַ טאָג נאָך אַ טאָג.
זיין גופל, עס הויבט זיך, געווינט אַלץ אין וואָג.

און אויך זיין נשמה, אַלץ רייפער זי ווערט.
און — גליקלאַך ער פילט זיך אַדאָ אויף דער ערד.

ער ליבט זיין געבורטשטאָט. זיין היימלאַנד ער ליבט.
די שפראַך פון אונגאַרן, איר פראָזע, איר ליד.

און דייטש איז אים נאָענט, פראַנצויזיש קולטור.
און — ס'אומרוט אין אים אויך פון אייגנם אַ שפור:

ירושה פון זיידן — אים שמעון מע רופט.
פאַרנומען אין יוגנט פון ציון דעם רוף.

און דאָרי — ער האָט אָפּט פון זיידן געהערט
געשיכטעס פון ווייטער, פון הייליקער ערד;

געשיכטעס פון יידן אויף אייגענעם גרונט;
אויף הייכן צעשיינטע, אין טאָלן — באַזונט;

און אייביקע פון גלות פון גרויליקן — לאַנג,
פון יאָרן צוויי טויזנט אין פּענטעס, אין צוואַנג;

פון ברעניקע ליידן, פון וואונדיקער פּיין, —
אין לענדער אין פרעמדע, ביי פּינצטערע פיינט — — —

און ס׳האָבן די שטילע, די זיידעשע רייד
אין האַרצן אין זיינעם אין הייסן פאַרזייט

אַ בענקשאַפט אַ גרויסע נאָך הייליקן לאַנד,
און אייביקע אַ גרויסן, אַ מאַכטיקן דראַנג

צו טאָן וואָס פאַר יידן אין גלות־געקלעם,
זיי רעטן, דערלייזן פון גויישער פרעמד

און פירן, און ברענגען קיין ציון, אַהין, —
באַפרייטע פון פיינען, פון ווי און פון ווינד — — —

און אָטאָ, צו צוועלף יאָר, אַ שיר שרייבט ער אָן —
נבואה׳ש אין ווערטער, פראָפעטיש אין טאָן;

אַ שיר, ווו משיח צייגט אָנעט אויף אים
און שעפּטשען ער טוט מיט פאַרטרוי אין דער שטים

צו משה רבינו, וואָס הערט אים געשפּאַנט:
אויף יינגל אויף דעם־אָ איך וואַרט שוין פונלאַנג...

נאָר ס'ווערט אָט־די זעאונג פאַרגעסן אינגיך.
פאַרשווונדן פון אים ווערט משיח'ס געזיכט.

און יידן, און גלות, — אויך זיי ער פאַרגעסט.
ער איז ניט פאַרגלותט אין שטאָט בודאַפּעסט.

ער איז ניט פאַרוואָגלט. ער איז ניט קיין גר.
אַ בירגער ער איז אויף אונגאַרישער ערד.

אַ תושב אַ פרייער אויף היימישן גרונט.
געניסט פון זיין שפע. געדייט אין זיין זון.

און לויטער עס שפּרייט זיך דער מאָרגן פאַר אים:
אַ שרייבער ער ווערט דאָ. וועט ווערן באַרימט...

אָט איצטער, צו פערצן, ער שפּילט שוין אַ ראָל
אין דער גימנאַזיע, צעווישן אַ צאָל

תלמידים־חברים, — צו שרייבן געניגט.
ער איז זייער מנהיג. ער איז זייער אויג.

דער פירער פון גרופּע פון שרייבערשער — „מיר".
און מוסטער־תקנות פאַרפאַסט ער פאַר איר.

און לערנט „קאָלעגן". און פלעגט זייער גייסט.
און זיך ווי אַ ביישפּיל אַ גוטן ער ווייזט...

אַזוי־אָ פאַרטריפן די טעג און די נעכט.
אַזוי־אָ פון יאָרן עס ווערט אַ געפלעכט.

ער, דאָרי, — אים גייט שוין דאָס אכצנטע יאָר, —
ער איז אַלץ פאַרשפונען אין צויבער פון וואָרט...

איז שרייבט ער און — דרוקט שוין. אי פּראָזע, אי ליד.
און גרעסערט זיין וויסן. און ווייס ניט פון מיד.

טוט שלייפן זיין לשון. טוט פיילן זיין סטיל.
און צערטלט אַ חלום — גאָר העל — אינדערשטיל...

ביז אין דער משפּחה אַ בראָך עס געשעט:
די איינציקע שוועסטער — אין רחבות, אין זעט, —

געטראָפן זי ווערט פון אַ קרענק און דער טויט
פאַרנעמט זי אַהינטער בית־עולמשן פּלויט.

צעלייגט זיך אַ וואָלקן פון טרויער — געדיכט —
אויף פּנים פון טאַטן, אויף מאַמעס געזיכט.

און אויך אין די אויגן פון איינציקן זון.
און ענג ווערט די דירה — געראַם און צעזונט.

און ס'ווערט דאַן באַשלאָסן: אַוועק פון דער שטאָט,
וווּ זי, פּאַולינע, פאַרלאָזן זיי האָט.

און אָטאָ ער, הערצל, געזעגנט זיך שוין
מיט היים, וווּ געבליט האָט זיין פרילינגשער טרוים,

מיט ווינקל מיט יעדן פון שטוביקן נעסט:
אַדיע אייך, איר, ליבע! אַדיע, בודאַפּעסט!

ער זעט זיך אין ווין שוין — אין דער רעזידענץ
פון עסטרייך־מדינה. און יוריספּרודענץ

שטודירט ער, טעאַדאָר, אין פריילאַכן ווין.
ער לערנט מיט אייפער און הייסער ער שפּינט

זיין שרייבערשן חלום. און ווייטער ער שרייבט.
און דרוקט זיך. און אַכטונג, און ליבע ער קלייבט

צו זיך פון חברים, — סטודענטן, ווי ער;
פון אַנדערע בירגער אויף ווינערשער ערד.

און שיין איז ער איצטער — אַ וואונדער־געשטאַלט.
אַ הויכער. אַ שלאַנקער. מיט פּנים — צעשטראַלט.

מיט בליקן — מאַגנעטיש. מיט האַלטונג — פּאַרנעם.
און — ברייטער און העכער צעקלינגט זיך זיין שם.

און ניט בלויז מיט אויסזען און גייסט ער באַווירקט
אַ יעדן, וואָס קומט נאָר מיט אים אין באַריר;

ער נעמט אוים, טעאַדאָר, ביי נאָנטע, ביי פריינט
מיט וואָס נאָר די יוגנט אַרום אים עס שיינט.

אָט איז ער אַ קענער אין שווערדן־געפעכט.
אָט איז ער אין שיסן אַ מייסטער — גאָר עכט.

אין אַנדערע ספּאָרטן, וואָס יוגנט האָט האָלט
(ניט־יידישע יוגנט, וואָס אייזן און שטאָל, —

זיי זענען איר ליבער פון וואָרט און פון בוך;
און נאָר פאַרגעניגנס אַזעלכע זי זוכט:

זיך שלאָגן, זיך פעכטן, אַ קאַמף, אַ דועל
און — ווערן אין קרייז פון סטודענטן אַ העלד . . . —)

האָט ער אויסגענומען אין דאָזיקן קרייז
פיל מער ווי מיט וויסן, פיל מער ווי מיט גייסט

מיט קענטשאַפט מיט זיינער מיט גרויסער אין ספּאָרט.
און — האָט דאָ פאַרנומען גאָר אויבן אַן אָרט.

און לייכט האָט זיין לעבן געשפּרייט זיך פאַר אים
אין הויפּטשטאָט פון עסטרייך, אין לוסטיקן ווין.

און גליקלאַך זיין לעבן עס איז דאָ געווען —
אַ לעבן — אָן זאָרג — פון אַ רייכן סטודענט.

נאָר ס'איז אים צו חלום געקומען דער ייד.
געשטעלט פאַר זיין בליק זיך געבויגן און מיד.

געפּיינט און געפּלינדערט, פֿאַראַכט און פֿאַרשפּאָט.
פֿאַרשטויסן, פֿאַרגעסן פֿון לייט און פֿון גאָט.

און ניט בלויז צו חלום, נאָר אויך אויף דער וואָר.
אָט פֿינצטערט אין רוסלאַנד, ביים צאַר דאָרט, אַ יאָר

פֿון יידישע שחיטות, — אין שטעטלאַך, אין שטעט.
און ווער ווייסט מער מאָרדן — מע גייט אין געוועט — —

און דאָ, אין זיין היימלאַנד, מיט פּראָגרעס צעבליט,
אין מערב אייראָפּע, אין סאַמע איר מיט, —

בילבולים אויף יידן, — טייוולאָניש, געמיין
און שנאה צעגליטע, — צו אַלט און צו קליין.

אָט לעזט ער די דרשות פֿון שטעקער דעם פּריסט,
און שריפֿטן פֿון דיורינג, — מיט גיפֿט אויסגעמישט:

די יידן — אַ ראַסע פֿון נישטיקן ווערט;
זיי זענען ניט ווערט וואָס עס טראָגט זיי די ערד;

אַן אומה פֿון קרעמער, וואָס האָבן געקרייצט
דעם מאַן, וואָס צו זיי האָט מיט ליבע געפּלייצט;

דעם מענטשן, וואָס האָט זיי דערלייזן געוואָלט;
אַ מיאוסע אומה, אַ שעדלאַכער פֿאָלק.

מע דאַרף זיי אין געטאָס פֿאַרטרייבן צוריק —
ניט אָנזען מע זאָל זייער גיריקן בליק.

מע דאַרף זיי פֿאַרשפּאַרן. אָפּשיידן מע דאַרף.
מיט לאַטעס מיט געלע אָפּצייכענען שאַרף — —

איז לעזט ער, טעאָדאָר, און — ס'בריט אים און בראָט:
אַזאַ מין מנובל — דער דיורינג און גאָט

ער לאָזט ניט אַראָפּ פֿון זיין ליגנערשער ליפּ;
מיט שקר מיט יעדן מיט גראָבן אים קניפּט.

אַזאַ מין צבוע. אַזוי־אָ געמיין.
און שרייבט נאָך אַ דייטש — אַזוי גלאַטיק און שיין...

און ענטפֿערן טוט ער די ליגנער אָ־די,
די האַסער און העצער פֿון הי און ניט־הי,

מיט פֿלאַמיקן צאָרן, נאָר ווערדיק און שטאָלץ;
צייגט אָן אויף די שקרים פֿון היינט און אַמאָל;

שלאָגט אָפּ די בילבולים דורך בלוטיקן גאַנג
פֿון גלות פֿון לאַנגן — אין יעטווידן לאַנד — —

נאָר וואָס איז די פּעולה. די שנאה, זי שטייגט,
צעשפּרייט אינדערברייט זיך, אינהייך זיך צעצווייגט;

פֿאַרפּולט יעדן ווינקל, שטעקט אָן יעדן קריסט;
מיט אירע באַצילן זיין מוח פֿאַרוויסט.

אָט ווערט ער, טעאָדאָר, געטראָפֿן דירעקט
פֿון פֿינצטערן האַס, מיט רציחה וואָס שמעקט.

אין קרייז פון סטודענטן, ווו אויך ער געהערט,
אַ וואַגנער־הילולאָ אַדורכגעפירט ווערט.

אַ שמחה אַ הייסע לכבוד מוזיק
און וואַגנער דעם מאַן, וואָס די וועלט האָט באַגליקט

מיט גרויסע יצירות, — גערמאַנישער שטאָלץ;
און אויכעט מיט שנאה צום יידישן פאָלק.

האָט מען אויף דער שמחה דעם מייסטער געפּרייזט,
און אויך מיט פאַראַכטונג צום ייד זיך געשפּייזט,

געשענדעט זיין נאָמען, מיט מיילער — צעשווימט;
די בעסטיע די בלאָנדע אין זיך ניט געצוימט — —

און הערצל, ווען ער האָט אַזעלכעס דערהערט,
אַריינגעשיקט האָט ער אַ בריוול: ער ווערט

אויס חבר אין קרייז אין סטודענטישן דעם,
ווו יידישער נאָמען אַזוי ווערט פאַרשעמט.

נאָר ס׳האָבן סטודענטן געחוזקט פון אים,
דעם זין פון זיין בריוול צעדרייט און צעקרימט:

ער האָט זיי באַליידיקט; איז שליסט מען אים אויס
פון דער קאָרפּאָראַציע; מע וואַרפט אים אַרויס — —

איז זעט ער דאָך, הערצל, ווי ס׳האַלט מיטן ייד
אויך דאָ, אין די לענדער, ווו פּראָגרעס עס בליט,

אויך דאָ, אין איראָפּע, אין סאַמע איר האַרץ. —
אויך דאָ איז דער מענטש, ווי דער טייוול נאָך שוואַרץ — — —

איז אפשר אַוועקגיין? פֿאַרלאָזן דאָס אַלץ?
צוריק אויף די ערדן די גרייזע — באַשטראַלט

מיט זונליכט מיט העלן און אָנהייבן דאָרט
אַ לעבן אַן אייגן, אַן אייגענע וואָר? — —

נאָר ס'ווילט זיך ניט גלויבן, אַז ס'בלייבט שוין אַזוי,
אַז תמיד וועט האַסן דעם יידן דער גוי,

אַז שטענדיק וועט העצן אויף יידן דער קריסט
מיט שטעקערשע דרשות — מיט גיפט אויסגעמישט.

עס וועט זיך נאָך בייטן. פֿאַרגיין וועט דער האַס
צו יידישע שכנים אויף גוישער גאַס,

און ווערן עס וועט זיי, די יידן, גאָר גוט.
זיי וועלן זיך לעבן געזיכערט, באַרוט.

זיי וועלן געניסן פון גלייכהייט, פון רעכט, —
מיט מענטשן מיט אַלע, — אין פעלקער־געפלעכט — — —

פֿאַרניינט ער דעם רעיון פון ציון באַניים:
ער איז איראָפּייער. אַדאָ איז דער קרייז

פון לעבן פון זיינעם — צעפּרילינגט און פריי.
און אויפמישן נעמט זיך אַ בלאַט אַ פונק־ניי

פון אָטאָ־דעם לעבן, מיט חלום צעבליט,
פון אָטאָ־דעם מענטשן, מיט אויפטו צעגליט.

ער האָט שוין פאַרענדיקט. איז שוין דיפּלאָמירט.
און — האָט זיך אין זאַלצבורג אַריבערגעפירט.

ער אַרבעט אַדאָ. איז געריכט־פּראַקטיקאַנט.
נאָר ניט ביים געריכט איז זיין קאָפּ און זיין האַנט.

עס ציט אים צו בינע. ער איז דראַמאַטורג.
און פיעסן פאַרפאַסט ער — פול וויץ און קולטור.

און שטעלט זיי. און האָט שוין אַ היפּשן דערפאָלג.
און קריגט האָנאָראַר שוין פאַר זיי אויסגעצאָלט.

און פאָרט אָפט אַרומעט. מדינות באַזוכט.
און ס׳ווערט אים איינאָפּע אַן אָפענער בוך.

אין פראַנקרייך, אין דייטשלאַנד, אין האָלאַנד, אין שווייץ, —
מען הערט שוין זיין נאָמען, מע קען שוין זיין רייץ.

אין ענגלאַנד, אין בעלגיע, אויף קאַפּרי, אין רוים, —
עס ווערט שוין פאַרוואָריקט זיין שרייבערשער טרוים.

און איצטער פון יורי ער קלערט שוין ניט מער.
ער איז דאָך אַ ייד און אַ ריכטער ווערט ער

דערײַבער ניט װערן. איז לאָזט ער עס אָפּ.
גיט אָפּ זיך אײַנגאַנצן, מיט האַרץ און מיט קאָפּ,

די סודות פֿון שאַפֿן, דעם שרײַבערשן טיש.
און — פֿון די דערפֿאָלגן די זיסע געניסט.

אַזױ־אָ פֿאַרטריפֿן צעװזוניקטע טעג.
ער טוט אַלץ פֿאַרמערן זײַן שאַפֿונג־פֿאַרמעג.

און ניט נאָר אין בינע ער איז איצט פֿאַרטאָן —
ער װערט אױך דער מײַסטער פֿון דעם פֿעליעטאָן.

און שרײַבט פֿאַר דער פּרעסע — אין װין, אין בערלין.
און פֿרישע פֿאַרערער ער, הערצל, געװינט.

און רײַזעס ער מאַכט אַלץ. און װוּ נאָר ער קומט —
מע טראָגט אים אַנטקעגן אי ליבשאַפֿט, אי רום.

און פֿרױען זיך ציען צו אָ־דער געשטאַלט,
מיט שײנקײט װאָס כּישופֿט, מיט שאַרפֿזין װאָס שטראַלט.

און אײנע עס פֿאַנגט אים. אַ װעזן — פֿול חן
בלאָנדהאַריק, בלױאױגיק און בױגיק און — קלײן.

דער היפּוך פֿון אים, פֿון דעם װוּקסיקן מאַן,
מיט אױגן מיט שװאַרצע, מיט פּנים — אין ראַם

פֿון באָרד פֿון אַ שװאַרצער. און זי אים געפֿעלט.
און — אײניק זײ װערן מיט לײַב און מיט זעל.

און קינדערלאַך דריי עס געבירט אים די פרוי:
אַ זון און צוויי טעכטער. און טייער אַזוי

זיי זענען אים, הערצלען. און גליקלאַך איז ער:
ער האָט שוין איצט אַלעס. ער דאַרף שוין ניט מער — —

נאָר ס'בויערט אַן אומרו אַן אַלטער אין האַרץ.
ער, הערצל, טעאָדאָר, — אויף עפּעס ער וואַרט.

ער איז ניט באַנוגנט מיט גאָר זיין פאַרמאָג.
צו העכערער שליחות אין לעבן אים טראָגט.

צי איז עס אין לעבן זיין איינציקער ציל
פאַרווילן דעם עולם מיט שפּאַס און מיט שפּיל

פון פּיעסן פון זיינע? פון זיין פעליעטאָן?
צי איז עס אַלצדינג, וואָס ער האָט דאָ צו טאָן?

און היים און משפּחה — ביי דעם־אָ ער בלייבט?
אַ פאָטער צו קינדער? אַ מאַן צו דעם ווייב?

און קורץ איז דאָך אַלעס — דאָס גאַנצענע גליק.
אָט לעבסטו און אָטאָ — דו ליגסט שוין פאַרהוויגט

אין קבר אין קאַלטן, אין שנייאיקן שלאָף, —
אין אָרעמס פון ניט־זיין, אויף הענט פון אין־סוף...

איז פּרעסט אים אַ טרויער, איז דריקט אים אַ צער.
זיין אייגענער לעבן זיין גרינגער אים אַרט . . .

און מער נאָך עס אַרט אים דאָס לעבן — געקוועלט —
פון איטלאַכן איינעם אויף אָטאָ־דער וועלט.

ער, הערצל, — מיט רחמים צו זיי ער איז פול.
צו אַלע געפּלאָגטע. צו אַלע — אין גבול

פון נויט און פון הונגער, פון שיפלות און שאַנד.
ער וויל זיי אַ יעדן אויסשטרעקן אַ האַנט.

ער גאַרט זיי אַ יעדן דערפרייען מיט וואָס,
פאַרזיסן פון קיום דעם גאַליקן כוס.

באַזונדערס — דעם יידן, זיין ברודער— אין נויט,
אין נעגל פון גלות, אין פענטעס פון טויט;

פאַראַכט און פאַרחוזקט, פאַרהאַסט און פאַרפאָלגט;
מיט צוויי טויזנט יאָרן מיט האַרבע באַעולט — —

אָט מאַכט ער נסיעות. אָט רייזט ער אַרום.
און ווו נאָר ער ווייזט זיך, אַוו נאָר ער קומט,

דערזעט ער די שנאה די בייזע צום ייד,
וואָס שטעכט זיך, ווי דאָרן, ווי קראָפּעווע בריט.

און האָפן ער, הערצל, — ער האָט דאָך געהאָפט :
צו שנאה צו דער־אָ וועט נעמען אַ סוף.

ס'עט זיגן דער פּראָגרעס, די ליבע צום מענטש.
און גוֹיים און יידן — זיך געבן די הענט

זיי וועלן, און לעבן צוזאַמען, אין גליק — —
אַזוי האָט ער, הערצל, געזען מיטן בליק

פון האַרצן פון זיינעם... אַזוי וועט עס זיין.
נאָר איצטער אַ ספק אַ שאַרפער אים פּיינט.

אָט איז ער, טעאָדאָר, אַ קאָרעספּאָנדענט
פון איינער אַ צייטונג — ביז גאָר אָנגעזען

און תושבט אין וועלטשטאָט אין שיינער — פּאַריז;
אין סביבה'ס אין חשובסטע אָנגעזען איז;

אין קרייזן אין העכסטע פון פּאַלאַץ בורבאָן
(ער שעפּט דאָ די טעמעס פאַר זיין פעליעטאָן).

איז וואָס טוט ער זען אין דער דאָזיקער וועלט?
איז זעט ער געיעג נאָך קאַריערע און געלט.

איז זעט ער אינטריגע — אין קונסט, פּאָליטיק.
איז זעט ער פון צביעות דעם ברודיקן בליק.

איז זעט ער געמיינקייט — פון באָדן ביז שפּיץ.
און שנאה צו יידן — מיט ציינער־געקריץ.

און אויב דאָס איז ווייניק — אַן עדות ער ווערט
פון שווערן פאַרברעך אויף פראַנצויזישער ערד:

פון דרייפוס־פּראָצעס, פונעם משפּט, פול שאַנד,
אויף אָטאָ־דעם יידן, אויף דעם קאַפּיטאַן,

דעם ערלאַכן, שטילן, פון פראַנקרייך־אַרמיי.
אָט זיצט ער, טעאָדאָר, מיט האַרצן, פול וויי,

און הערט אויס דעם משפּט, און זעט אַרום זיך
אַ יובלדיק עולם: דער „אמת" — ער זיגט:

דער ייד איז פאַרעטער; דער משפּט — גערעכט;
אַ טויט צו דעם יידן פאַר אָ־דעם פאַרברעך!

אַ טויט צו די יידן — צום גאַנצענעם פאָלק:
פאַרעטער — זיי אַלע; פאַרקויפטע צו גאָלד! — — —

און נאָכדעם ער, הערצל, — אַן עדות איז ער
פון דער דעגראַדאַציע, וואָס דורכגעפירט ווערט

איבער דעם אומשולדיק פאַרמשפּטן ייד.
ער זעט דעם המון דאָ דעם ווילדן — צעגליט

מיט גיר נאָך רציחה... און דרייפוסן זעלבסט
באַטראַכט ער מיט ווייטיק און מיטלייד אין זעל:

ווי בלייך... ווי צעבראָכן... דאָך ווערדיק... דאָך גראַד...
(אויף שענדלאַכן אָ־דעם, געמיינעם פאַראַד).

ער, דרייפוס, — ער ווייס דאָך: ניט שולדיק איז ער:
ער האָט ניט פאַראַטן זיין היים און זיין ערד.

ער איז בלויז אַ קרבן פֿאַר עמעצנס זינד.
דער שטענדיקער קרבן... דאָס אייביקע רינד...

איז בליקט ער, טעאָדאָר, און — ס'דרינגט אַזאַ פּיין
אין וועזן אין זיינעם אין גאָרן אַריין:

אויב דאָ, אין דער פֿראַנקרייך, אַזוינס קען געשען, —
ווי קען מען שוין גלויבן אין פּראָגרעס, אין מענטש?

אויב דאָ, אין דער פֿראַנקרייך, נאָך הונדערט יאָר פֿריי, —
פֿאַר ראַסע פֿאַר יעדער, פֿאַר מאַן און פֿאַר פֿרוי;

אויב אויך אין דער פֿראַנקרייך — מיט יושר באַקרוינט; —
וואָס קען מען דערוואַרטן פֿון אַנדערשוווּ שוין?

פֿון אַנדערע לענדער — ביים רוס, ביים רומען,
וווּ מענטש איז אַ קנעכט נאָך, וווּ מענטש איז אין פּענט?

און קלאָר נעמט אים ווערן: צום יידן דער האַס —
ער וועט ניט פֿאַרשווינדן פֿון גוייִשער גאַס.

ער פֿינצטערט — פֿאַרנעסטעט גאָר טיף אין דער זעל —
אין אומה אין יעדער, — אויף גאַנצענער וועלט.

און העלפֿן עס וועט ניט פֿון פּראָגרעס דער גאַנג,
און פֿון הומאַניזם דאָס שיינע געזאַנג.

און העלפֿן עס וועט ניט אויסמישונג און שמד...
עס וועלן די יידן אַליך האָבן צו-זאַט

אי גזרה, אי בילבול, אי שענדונג, אי מאָרד, —
אין רוסלאַנד, אין פראַנקרייך, — אין איטלאַכן אָרט — — —

דעריבער איין תרופה פאַראַן איז פאַר זיי:
ניט בלייבן אין גלות, ניט זיין מער צעזייט.

אַרויסגיין פון דאַנען — מיט קליין און מיט אַלט.
צוריק אויף די ערדן די גרייזע — באַשטראַלט

מיט זונליכט מיט העלן און אָנהייבן דאָרט
אַ לעבן אַן אייגן, אַן אייגענע וואָר! — — —

און הערצל, טעאָדאָר, — ער דאַרף אין דעם טאָן.
דאַרף רעטן די יידן פון אימהקן תהום,

וואָס לויערט אויף זיי און — צעפּראַלט זיך אַלץ מער
אין לענדער אין אַלע אויף בלוטיקער ערד! — — —

און פול ווערט ער, הערצל, מיט ווילן צו טאַט.
דערפילט זיך מיט פליגל — גאָר מאַכטיק — באַשטאַט:

אָט בין איך, דו, גאָט פון ישראל, — מיין פאָלק, —
אַ גרייטער זיך אָנטאָן דעם אייזערנעם עול;

באַהויך מיט דיין אָטעם, באַריר מיט דיין האַנט, —
ווי משה'ן, פאַרצייטן, אין מיצרישן לאַנד;

וועל גיין און וועל וועקן, וועל גיין און וועל טאָן. —
אָט האָב איך אויף זיך שוין דעם יאָך אָנגעטאָן! — — —

טיילט אָפּ פון דער וועלט זיך דער גאָרער און מעקט
און „יידנשטאַט" שרייבן ער זעצט זיך אַוועק.

און, פול מיט געשטורעם, צעטראָגט זיך, צעוויגט
זי אויס פון זכרון, פון זעל און פון בליק.

ער פיבערט ביים שרייבטיש און — פלאַטערט אין רוים
אין וועלטן פון וויזיע, אין ספערן פון טרוים.

פון זעאונגען — זוניק — און ווייַנט אָפּט פאַר פרייד...
און — ווערט מיט חזיונות מיט נייע באַקליידט.

און אָטאָ דערזעט ער: פול שיפן, אַ ים.
זיי שווימען, די שיפן, צום הייליקן לאַנד,

געפּאַקטע מיט יידן, — פון דאַנען, פון דאָרט;
אַ פלאַט אַ מאָדערנער, אַ היינטיקער פלאָט;

אַ נייע יציאה — שוין ניט ווי אַמאָל, —
פאַרפאָלגט פון די מיצרים, פון פרעה'ן פאַרפאָלגט;

אַ נייע יציאה; אַ משה — אויך ניי:
ער, ה ע ר צ ל , — ער פירט זיי, די יידן, צו פריי — —

אַזוי־אָ פאַרשטראָמען אַ טאָג נאָך אַ טאָג.
זיין פעדער, אין פיבער, — זי טראָגט זיך, זי יאָגט.

ער עסט ניט. ער טרינקט ניט. ער ווייס ניט פון שלאָף.
ער רוט ניט. ער שרייבט אַלץ. ער איילט זיך צום סוף:

אויסלאָדן די אַלע חזיונות פון זיך,
אויספּלייצן דאָס גאָרע צעשטראַליקטע ליכט — —

אַזוי־אָ אַ וואָך און אַ צווייטע פאַרגייט.
און אָט איז די ענדע. די שיכּרות — צעווייט . . .

אָט שטייט ער, טעאַדאָר, אַ ניכטערער שוין,
ביז דנאָ אויסגעשעפּט פונעם בלענדיקן טרוים,

און — פרעגט זיך: וואָס איצטער? וואָס טוט מען אַצינד?
און וועמען זיי ווייזן, די בלעטער, — געשווינד

פאַרשריבּן מיט פּלענער פאַר אייגענעם לאַנד;
פאַרשריבּן, ווי ער וואָלט געווען אין טראַנס? . . .

צי גיין צו די גבירים, וואָס האָבּן דאָס געלט
(און האָבּן די שליטה אויף אָט־אָ־דער וועלט)?

און אפשר צום פאָלק? צו די מאַסן דירעקט?
זיי ברענגען זיין, הערצלס, געוואַגטן פּראָיעקט:

אָט האָט איר, געשאַפן פון מיר דאָ, אַ פּלאַן,
אַ פּלאַן פאַר דערלייזונג פון ליידן, פון שאַנד;

ער איז אַזוי פּשוט, ער איז אַזוי קלאָר;
אויב איר וועט נאָר וועלן — איז ווערט ער פאַרוואָרט?...

נאָר טאָמער זיי וועלן גאָר לאַכן פון אים,
און זיין וועט אַ שטימע אין מדבר זיין שטים?

און טאָמער דאָס אַלץ אַ פֿאַנטאַזיע איז בלויז?
אַ ריזיקער טרוים — צו פֿאַרוואָרן צו־גרויס?...

און אפֿשר ער, הערצל, איז אויסן דאָ וואָס —
צו ווערן אַ פֿירער, צו ווערן אַ ראש?

זיך קרוינען מיט גרויסקייט, זיך הויכן מיט מאַכט?
און האָבן אי כּבֿוד, אי רייכקייט אַ סך?...

נאָר ניין! צען מאָל ניין! זיין כּוונה איז ריין.
ניט אייגענע נוצן עס איז דאָ זיין מיין.

צו העלפֿן זיין פֿאָלק ער איז אויסן מיט דעם.
פֿון אונטערגאַנג רעטן, פֿון טמיעה אין פֿרעמד.

צו היילן זיין האַרבע, זיין בלוטנדע ווונד.
צו מאַכן דעם חולה־מסוכּן געזונט.

און ער, דאָקטער הערצל, — ער שפּירט זיך אין קראַפֿט
צו געבן זיין חלום זיין העלן אַ האַפֿט;

ער פֿילט זיך בכּוח צו אויפֿטאָן גאָר פֿיל,
צו פֿירן אַלץ נענטער צום ליכטיקן ציל.

און ס'איז קיין פֿאַנטאַזיע. אַן אייגענע לאַנד —
עס איז אַזוי נאָנט — כאָטש דערלאַנג מיטן האַנט...

אין ייִד אין אַ יעדן עס וואָרצלט, עס זיצט, —
אין זעל און אין זינען פֿאַרצייכנט, פֿאַרקריצט...

און איצט איז די צייט. אינעם חלל פון וועלט
דער דאָזיקער רעיון — ער זוניקט, ער העלט . . .

נאָר קיינער עס וואַגט ניט צו ריידן פון אים . . .
און בלויז ער, טעאָדאָר, הויבט אויפעט זיין שטים.

און אויב מע וועט לאַכן, אויב חוזק און שפּאָט, —
פאַרלאָזט ער זיך, הערצל, אויף זיך און אויף גאָט

און — ווייטער וועט טאָן. און ווי משה, אַמאָל,
ער וועט זיך פאַר הערשער אַוועקשטעלן שטאָלץ;

צעוויקלען פאַר זיי זיין באַפליגלטן פּלאַן
און — פאָדערן וועט ער פאַר יידן אַ לאַנד — —

און ברייוו נעמט ער שרייבן צו וויכטיקע לייט,
קלערט אויף זיי, די שררות, דעם גרויסן באַדייט,

וואָס האָבן אַזאַ מין מדינה עס וועט
ניט נאָר פאַר די יידן — פאַר גאַנצענער וועלט.

און אָט אָ ער, הערצל, — ער מאַכט אַ וויזיט
ביי איינעם אַ שררה, אַ חשובן ייד, —

ביי הירש, דעם באַרימטן, דעם רייכן באַראָן,
דעם נדבן דעם גרויסן, וואָס ניט איין מיליאָן

געשאָנקען ער האָט שוין פאַר יידן, אין נויט,
פאַר פּויערים־יידן, — ביי ערד און ביי ברויט.

און הערצל צעוויקלט פאַר אים זיין פּראָיעקט:
אַן אייגן מדינה; צום גלות אַן עק;

אַ סוף צו יסורים פון צוויי טויזנט יאָר;
און אָטאָ־דער חלום, — ער קען ווערן וואָר;

בלויז געלט איז דאָ נייטיק. און ער, דער באַראָן, —
מיט זיינע מיליאָנען, — ער קען דאָ פיל טאָן — —

נאָר ס'האָט אים דער נדבן פאַרשטאַנען גאָר קנאַפּ.
ער איז ניט, ווי הערצל, מיט טרוים דורכגעזאַפּט.

ער איז בלויז בעל־טובה — אָן שום אידעאַל.
ער ראַטעוועט פיל יידן פון נויט און געוואַלט.

באַזעצט זיי אין לאַנד אַרגענטינע — אויף ערד:
דאָ אַרבעט, אין זיכער, און — פּויערים ווערט!

נאָר וואָס איז נוגע אַ יידישן לאַנד —
פאַר דעם איז פאַרמאַכט זיין באַראָנישע האַנט;

ער האַלט: ס'איז אַ חלום, אַ דאַכטעניש בלויז
און וואַרפט אויף חלומות קיין געלט ניט אַרויס — — —

און הערצל אַוועק איז אָן מינדסטן דערפאָלג.
נאָר קלערער אין עפּעס: גאולה פון פאָלק —

זי וועט זיך ניט ווייזן דורך אָ־דעם באַראָן
און געלטזעק אַזעלכע, וואָס האָבן צו טאָן

מיט צדקה און טובות. ווייל נאָר דורך אַ־דעם
מע קען ניט אויסלייזן אַן אומה פון קלעם.

ווייל געלט איז גאָר ווייניק — אויב גייסט איז ניטאָ,
אַ הויכע אידייע, אין האַרצן וואָס טאָגט;

אַ רעיון אַ הויכער, וואָס מינטערט, וואָס מאָנט,
און פירט ווו, — אַ פאַרביק צעפלאַטערטע פאָן . . .

און אָט אַזאַ רעיון עס קען ניט פאַרשטיין
דער געלט־מענטש. הגם מיט כוונות — גאָר שיין.

און צדקה — זי בויט נאָר אויף זאַמדיקן גרונט,
און מאַכט ניט אַ ישוב אַזאַ מין געזונט.

און אָט אַזאַ ישוב — ער האַלט זיך ניט לאַנג . . .
גאָר אַנדערש — דער טרוים פון אַן אייגענעם לאַנד — —

דעריבער ער, הערצל, וועט גיין צו אַ־די
(ער וועט זיי געפינען — אי הי, אי ניט־הי),

וואָס וועלן פאַרשטיין אים — מיט ה אַ ר צ ן פאַרשטיין;
זיין רעיון באַנעמען, זיין טרוים — אַזוי ריין . . .

ער וועט זיי געפינען. זיי זענען פאַראַן.
אי דאָ, אי אַדאָרטן, — אין יעטווידן לאַנד.

אין טיפן פון פאָלק, ביי דער אינטעליגענץ . . .
און קומען זיי וועלן — דערלאַנגען די הענט — —

דערווייל איז זיין ווערק וועגן יידישן לאַנד
אַרויסעט פון דרוק. און ער, הערצל, געשפאַנט,

האָט וואַרטן גענומען: ווי וועט זיך די וועלט
אָפּרופן — באַציען צום טרוים פון זיין זעל:

צי וועט מען פאַרשטיין אים? פאַרנעמען זיין רוף?
צי וועט ער צערינען, ווי רויך אינדערלופט?

און אפשר פאַרשטיינען מע וועט אים דערפאַר?
און אפשר בלויז מאַכן צו חוזק, צו נאַר? — —

און ס'האָט זיך צעטראָגן אינלענג און אינברייט
אַ שטורעם פון שטימען, — אי פחד, אי פרייד;

אי אָפּלאַך, אי גלויבן, אי טאַדל, אי לויב;
אי ווילן צו העלפן, אי שטיינער אין שויב.

— אַ נייער בעל־חלום באַוויזן זיך האָט —
אַ קול איז געקומען פון דאַנען, פון דאָרט.

— אַ שווינדלער אַ נייער, ווי יענער, ווי צבי, —*)
האָט וואָרנונג דערהערט זיך, — אי הי, אי ניט־הי.

— אַ יידישער קיסר, וואָס נאָך ניט געקרוינט, —
האָט ווער זיך געווויצלט מיט גאַליקן שוים.

---

*) שבתי צבי

— ער וועט נאָך פאַרשאַפן די יידן פיל צער —
אַ פינפטן, אַ צענטן ביז ביין האָט געאַרט.

און איינער אַ חבר אַ בריוול אים שרייבט:
איז וואָר, וואָס מע זאָגט מיר, טעאָדאָר מיין פריינט,

אַז ס'איז דיר אַריין אַ מאַנקאָליע אין קאָפּ
און — נעבאַך — דו ביסט פונעם זינען אַראָפּ? . . .

נאָר אויבעט אַ גלויבן זיין טרוים האָט פאַרזייט —
אין טויזנטער הערצער — פאַרשטראָמט זיי מיט פרייד.

און אָטאָ־דער גלויבן — גענומען ער האָט
באַזיגן דעם חוזק, פאַרטרייבן דעם שפּאָט.

אין לענדער, אין שטעט, אויף דער גאַנצענער ערד, —
זיין רוף צו דערלייזונג, — מען האָט אים דערהערט.

און אָפּרופן הייסע ער, הערצל, באַקומט:
פון רוסלאַנד, רומעניע און — פון אומעטום.

און שטיצער אים גרייכן. באַגייסטערטע פריינט.
און בלייבן מיט אים שוין — פאַרבלענדט פון זיין שיין . . .

אָט שרייבט וועגן אים מיט באַגייסטער נאָרדוי
(זיין פריינט זיין געטרייער אין טאַט און אין טרוים):

ניט וואַנזין עס אַנקערט אין דאָזיקן מענטש,
נאָר קראַפט פון אַ ריז און גאונות, וואָס בלענדט.

אַט זאָגט אים אַ צווייטער: ביסט אפשר פאַר אונז
אַ משה אַ נייער — באַהאָרנט מיט זון;

פון גאָט אַ שליח. זײַ ממשיך דײַן טאַט.
דו הייבסט אָן אַ גרויסע היסטאָרישע בלאַט . . .

און אַנדערע קומען — דערלאַנגען אַ האַנט.
די וואָלפזאָנס, די כהנס, — פון יעטווידן לאַנד.

און אָרימע מענטשן — פאַרווינקלט, פאַרשטילט, —
די גראָשנס די לעצטע אים ברענגען — צו־הילף . . .

און יוגנט באַווייזט זיך — מיט פלאַקער אין זעל . . .
אַ גרייטע אים נאָכגיין ביז ענד פון דער וועלט . . .

און אויבעט ניט־יידן — פאַרליבטע אין ייד.
מיט ליכט פון דער ביבל צעהעלט און צעגליט.

דער רעוועראַנד העכלער. פון הערצלען פאַרכאַפט.
מיט „יידנשטאַט"־רעיון ביז ביין דורכגעזאַפט:

דאָס איז דאָך די אַלטע נבואה, נאָר ניי;
ער, הערצל, — אַ נביא, וואָס זאָגט אָן די פריי . . .

און העכלער, דער אוהב ישראל, — צעפלאַמט, —
וויל דינען דעם רעיון פון יידישן לאַנד.

ער וועט אים, דעם הערצל, פאַרבינדן מיט „פני",
מיט מענטשן פון גרויסער השפעה. און זיי —

זיי קענען פיל טאָן צו פאַרוואָרן די זאַך:
צוריקגעבן יידן דאָס לאַנד פון תנ״ך . . .

און פרישע פאַרערער פאַרנעמען זיין שטים
און ציען פון קרייזן — פאַרשיידן — צו אים.

אָט קומט אים באַזוכן אַ גרופּע — גאָר פרום:
חסידישע לייט — פון גאַליציע מע קומט:

זיי האָבן פאַרנומען זיין געטלאַכן רוף . . .
זיי ווילן אים נאָכגיין מיט זעל און מיט גוף . . .

און אָטאָ דערהאַלט ער, טעאָדאָר, אַ בריוו:
דריי טויזנט דאָקטוירים פון האַרצן פון טיף

אים שיקן אַ בענטשונג, אים שיקן אַ דאַנק
פאַר וועקן צום אויפלעב פון אייגענעם לאַנד.

און אָט איז אַ גרופּע סטודענטן. זי וויל —
באַרוישט פון זיין חלום — אַריין אינדערשטיל

אין טערקן־מדינה און דאָרט, מיט געווער,
באַפרייען די אַלטע, די הייליקע ערד . . .

און פול ווערט ער, הערצל, מיט ברויזיקער פרייד:
זיין רעיון — ער איז שוין אין הערצער פאַרזייט.

דערפילט האָט דאָס פאָלק, אַז ער איז אים אַ פריינט,
אַ ברודער, וואָס גרייט איז אים רעטן פון פיין.

טאָ זאָל מען ווו לאַכן מיט גאַליקן שוים.
באַקרוינט מיט נצחון וועט ווערן זיין טרוים.

ער איז אין דעם זיכער. אַזוי וועט עס זיין.
דער ייד וועט נאָך ווערן מיט גבורה באַשיינט.

עס וועלן מכבים באַווייזן זיך נאָך —
צעברעכן פון גלות דעם אייזערנעם יאָך . . .

ער ווייס נאָך ניט, הערצל, ווען וועט עס געשען,
און ד ו ר וועט דער ייד זיין דערלייזונג דערזען;

נאָר זיין אַ מדינה אַן אייגענע וועט —
אַ ביישפיל פאַר לענדער פאַר אַלע אין וועלט;

אַ ביישפיל פון יושר, אַ מוסטער פון רעכט.
אַ לאַנד — אַ באַפרייטע פון שנאה, פון שלעכטס;

אַ לאַנד — אַ צעבליטע מיט ליבע, מיט פריד — — —
און — וואַקסן עס וועט נאָך דער כבוד פון ייד — — — —

דעריבער ער, הערצל, פאַרטאָפלען וועט איצט
זיין אייפער, זיין אימפעט און מער נאָך מיט היץ

זיך אָפגעבן וועט ער דער הייליקער זאַך.
ער האָט דאָך שוין העלפער, פאַרערער אַ סך;

איז — וועט מען צוזאַמען — — און ס'הייבט זיך דאַן אָן
אַ פונק־נייע בלאַט פון זיין טרוים און זיין טאָן.

ער רוט ניט פון איצטער. דורך נאַכט און דורך טאָג
ער פיבערט מיט אַרבעט, מיט אויפטו ער יאָגט.

דורך העכלער — מיט גאַרונג נאָך ציון באַהויכט —
צו פרידריך — דעם דוכס פון באַדען — ער גרייכט.

און יענער, דער דוכס, — אַ חסיד אַ קריסט, —
נעמט אויף אים גאָר פריינטלאַך, זיין רעיון באַגריסט.

און שטעלט אין קאָנטאַקט אים מיט וויכטיקע לייט —
גערמאַנישע מושלים פון היפשן באַדייט.

און הערצל לייגט אוים פאַר די דייטשן זיין פּלאַן:
אַן אייגן מדינה — ס'קען קומען צו־שטאַנד.

און העלט שוין מיט האָפן: ס'עט אפשר דורך זיי
דערלייזונג זיך ווייזן פאַר יידן — צעזייט.

און אָט איז נעוולינסקי — אַ פּאָליאַק. און ער —
אַ מאַן, ביז גאָר היימיש אויף טערקישער ערד, —

לייגט אויסעט פאַר הערצלען אַ בריק צום סולטאַן,
ביי וועמען — דער שליסל צום היילִיקן לאַנד.

און הערצל — ער לאָזט זיך אַוועקעט אַהין:
מע וועט אפשר ד אָ ר ט ן פאַרנעמען זיין שטים.

און אָט קומט ער אָן אויף דער ערד פון טערקיי,
אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. און וועלטן — גאָר ניי

צעשפּרייטן פֿאַר אים זיך. דער מזרח — אין פֿאַרב.
און אָט איז דער פּאַלאַץ פֿון טערקישן האַר.

ער זשומעט מיט לייט אין קאָליריקער טראַכט,
מיט הויפּלייט, — מיט בליקן, פֿול האַרבן פֿאַרדאַכט:

וואָס וויל דאָ, אין פּאַלאַץ אין דעם־אָ, דער ייִד,
דער הויכער, דער שלאַנקער, מיט פּנים — צעבליט,

מיט שטאָלץ פֿון אַ מלך. אין אָנטאָן — פֿאַרנעם.
וואָס וויל ער, דער פֿרעמדער, אין פּאַלאַץ אין דעם? . . .

און הערצל, מיט ווערדע, — ער שטעלט זיך שוין פֿאָר.
און ס'הערט אוים דער ראש פֿון די טערקן זיין וואָרט:

אַ טשאַרטער פֿאַרלאַנגט ער פֿון טערקישן האַר,
אַ טשאַרטער פֿאַר יידן — אין גלות פֿאַרשפּאַרט;

אַ טשאַרטער פֿאַר ברידער — אין ליידן, אין נויט;
אַ טשאַרטער, וואָס זאָל זיי דערלייזן פֿון טויט;

וואָס זאָל זיי דערלויבן באַזעצן דאָס לאַנד,
דאָס אוראַלטע, — ציון. און ער, דער סולטאַן, —

מע וועט אים באַלוינען. געהעריק. ווי ס'קומט.
און — גרעסער דורך דעם נאָך וועט ווערן זיין רום . . .

נאָר גאָרניט געווונען ער האָט ביים סולטאַן.
דער טערקישער מושל — ער וועט ניט קיין שפּאַן

פון ארץ ישראל, פון אוראַלטער ערד
די יידן אָפּגעבן — דעם פּ אָ ל ק זי געהערט.

און הערצל אַהיים איז געקומען צוריק,
צו ברידער צו זיינע — געפּלאָגט און געדריקט:

וואָס טוט מען אַצינדער? צו וועמען נאָך גיין?
צו איינעם אַזעלכן, וואָס זאָל אים פאַרשטיין

און העלפן ער זאָל אים — פּאַרנעמיק, מיט הילף,
וואָס ענדלאַך זי וועט אים דערפירן צום ציל?

איז קומט ער און שטעלט זיך פאַר ראָטשילדן פאָר,
לייגט אויסעט זיין חלום, וואָס קען ווערן וואָר:

ער, ראָטשילד, — ער שטיצט דאָך קאָלאָניעס אין לאַנד,
אין הייליקן לאַנד, — מיט זיין גבירישער האַנט;

טאָ זאָל ער טאָן מערער. אָט איז אַ פּראָיעקט,
וואָס מאַכן ער קען צו דעם גלות אַן עק,

וואָס לייזן ער קען די פּראָבלעם פונעם ייד:
אַן אייגן מדינה — אַליין אויסגעשמידט . . .

נאָר אויכעט ער, ראָטשילד, געווען איז טויב
צו הערצלס אידייע דער גרויסער. ער גלויבט:

עס איז אַן אוטאָפּיע. און ער, דער גביר, —
ניט אויסגעבן וועט ער מיליאָנען אויף איר — —

איז זעט ער דאָך, הערצל, איז זעט ער דאָך קלאָר:
זיין טרוים ניט דורך רייכע וועט ווערן פאַרוואָרט.

די יידן־מאַגנאַטן — עס גייט זיי ניט אָן
די אייגענע אומה, וואָס שטייט ביי אַ תהום.

זיי קומען מיט צדקה אַ קאַפּעלע אָפּ,
און האָבן, דער עיקר, אין זינען דעם טאָפּ

דעם אייגענעם, פּעטן; דאָס אייגענע גליק. —
און פול ווערט מיט צווייפל מיט האַרבן זיין בליק — — —

נאָר שנעל ווערט זיין צווייפל געלינדערט, געהיילט.
ער האָט דאָך זיין שליחות אַליין אויסגעוויילט.

איז דאַרף ער פאַרטרייבן דעם צווייפל פון זיך.
עס פּאַסט ניט פאַר אים, פאַר זיין גואל־געזיכט . . .

ער, הערצל, — ער דאַרף זיין מיט מוט אָנגעשטאָלט.
און אויב ניט פון רייכע — עס וועט פונעם פאָלק

דערלייזונג זיך ווייזן, גאולה אויפגיין. —
ער איז ניט פאַראיינזאַמט. ער איז ניט אַליין — — —

און ענגער זיך קניפּן גענומען ער האָט
מיט פאָלקישע שיכטן — פון דאַנען, פון דאָרט.

און נענטער געוואָרן ער איז צו דער מיט
פון פאָלקישער מאַסע — צום פּשוטן ייד.

און וועלטן גאָר נייע ער האָט דאָ דערזען.
אַ לעבן, וואָס ביז איצט ער האָט ניט געקענט.

וואָס האָט ער, טעאָדאָר, פון יידן געוווּסט?
געהאַט נאָר פון זיי אַ פאַרנעפּלטן גרוס.

געדענקט נאָר אַ סדר פון קינדערשער צייט . . .
געשיכטעס פון יידן פון זיינעם — שוין ווייט . . .

די היים איז געווען היינטוועלטיש און פריי.
צו געטער מאָדערנע געדינט האָט מען טריי.

מען איז אייראָפּייער, פון מזרח — קיין שפּור . . .
מע טונקט זיך אין דייטשלאַנד-און פראַנקרייך־קולטור.

און ער, דאָקטאָר הערצל, — דורך יאָרן אַ סך, —
צו אָ־די קולטורן געווען איז וואַך.

געדרייט זיך אין קרייזן — דערוווּיטערט און פרעמד
צום יידישן לעבן, צום יידן־באַנעם.

געחלומט אַפילו פון טמיעה, פון שמד
(און טאָן עס אפילו בדעה געהאַט . . .).

ביז גאָט פון ישראל זיין זעל האָט צעפּראַלט
פאַר נייע חזיונות — צעלויכטן, צעשטראַלט.

אים פירן געגומען, באַוויזן אים האָט,
ווו שטעלן אויף ווייטער זיין בלאָנדזשענדן טראָט . . .

צו אייגענער אומה אַ נייג אים געטאָן,
דעם עול פון אַ גואל אויף אים אָנגעטאָן . . .

און איצטער ער, הערצל, — ער קערט זיך צוריק
צו ברידער צו זיינע, — געפיינט און געדריקט.

אָט נעמט ער, טעאָדאָר, באַזוכן אַ שול,
מיט יידישע פרומע מתפללים פול.

ער שטייט דאָ. ער דאַוונט. און גלעט מיטן בליק
אַ יעדן מתפלל — גאָר פאַרכטיק צעוויגט . . .

ס'איז ניי דער אַרום אים און דאַך — אַזוי נאָנט . . .
די יידישע תנועות — ער האָט זיי דערקאָנט . . .

דער יידישער נוסח. דער יידישער קנייטש . . .
ער, הערצל, — ער ווערט דאָ מיט תשובה פאַרפלייצט . . .

ער פילט זיך באַהעפט דאָ מיט כלל און מיט פרט.
און מער זין באַקומען זיין טרוים און זיין טאַט . . .

און אָט ווערט ער אייגן מיט קרייזן פון פאָלק,
וואָס זענען מיט ציון־אידייען באַעולט.

פאַראַנען שוין קרייזן אַזעלכע אַ סך
(וואָס רופן צוריקגיין צום לאַנד פון תנ"ך).

פאַראַנען ציונים פ ו נ פ ר י ע ר פאַר אים.
עס הערט זיך פ ו נ ל אַ נ ג ש ו י ן פון דרײַ די שטים.

ער איז ניט דער ערשטער, צו אויפלעב וואָס וועקט.
שוין ד ו ר ו ת עס ציט זיך צו תחיה דער וועג.

געווען איז אַ פינסקער. אַ העס איז געווען.
פ ו נ פ ר י ע ר זיי האָבן זיין חלום געזען . . .

און ניט נאָר ציונים פון אייגענעם שטאַם.
אָט ברענגט ער קיין לאָנדאָן זיין „יידנשטאַט"־פּלאַן

און לעזט פאַר חברים, און לייענט פאַר פריינט, —
איז זאָגט מען אים תיכף: זיין טרוים ניט פון היינט

צו יידן באַוווסט איז, צו קריסטן — באַוווסט. —
פ ו נ ל אַ נ ג ש ו י ן מען האָט פון זיין חלום געוווסט.

עס האָט שוין געשריבן דאָס זעלבע, וואָס ער,
דזשאָרדזש עליאָט, — אין אירן אַ פּראַקטיקן ווערק:

„דניאל דעראָנדאַ". — איז הערצל דערשטוינט:
געמיינט אַליין: דער ערשטער ער איז מיט זיין טרוים . . .

פון פינסקערן, העסן ער האָט ניט געהערט,
און פרעמד איז געווען אים דזשאָרדזש עליאָטס ווערק.

און ציונשע קרייזן — אין יעטוועדן לאַנד —
ער הערט ערשט אַ צ י נ ד ע ר פון זיי — צו זיין שאַנד...

איז איצטער נאָך בעסער. איז זעט ער דאָך וווּיל:
ניט פּוסט איז אַרום אים, ניט מדבּרדיק הוויל.

זיין שטימע — זי ווערט ניט פאַרוויִיט מיטן ווינט.
זיין שטימע אין הערצער אין העריקע דרינגט.

זי קניפּט זיך מיט קולות פון דורות — אַוועק.
זי העפט זיך מיט שטימען פון היינטיקע טעג — — —

אָט איז ער אין לאָנדאָן און זעט אַרום זיך
אַזויפיל ציונים, באַהעלט מיטן ליכט

פון חלום פון זיינעם; ציונים, ווי ער,
וואָס טרוימען פונלאַנגשוין פון אייגענער ערד.

און מיטגייער זעט ער. פאַרערער — מיט ברען.
דער קאָלאָנעל גאָלדסמיט. אַ ווונדער אַ מענטש.

אַ קריסט פון געבורט. נאָר פון יידישן שטאַם.
און איצטער — אַ גר. און — מיט ציון צעפלאַמט . . .

און אָט איז דער זאַנגוויל. אַ שרייבער — באַרימט.
לאָזט הערן פאַר ציון גאָר מאַכטיק זיין שטים.

און אויבעט ניט-יידן. דער גלאַדסטאָן אַליין.
דער שטאַטסמאַן דער גרויסער. — געפינט ביי אים חן

זיין, הערצלס, אידייע — אַ יידישע לאַנד.
אַן גרייט איז ער, גלאַדסטאָן, צו טאָן פאַר דעם פּלאַן — — —

און מער נאָך עס פרייט אים דאָס פּשוטע פאָלק,
די יידישע מאַסע, מיט אַרבעט באַעולט,

דער לאַנדאָנער יידישער פּראָלעטאַריאַט, —
פאַרכאַפּט פון זיין חלום, באַרוישט פון זיין טאַט.

אָט ווערט אין דער איסט סאַיד, אין יידישער מיט,
אַ ציונשער מיטינג מיט אים דורכגעפירט.

ער רעדט פאַרן עולם, וואָס הערט אָנגעשפּיצט,
און זעט, ווי ביי יעדן אין אויגן עס בליצט

אַ גליק — אַזוי שטראַליק, אַ פרייד — אַזוי גרויס;
און שפּירט, ווי ביי יעדן אין האַרצן עס ברויזט

אַ ווילן — געוואַלדיק — אים נאָכגיין און — טאָן,
און — שטעלן אַפילו דאָס לעבן אין קאָן — — —

איז ווערט אים דאָ קלערער: פון זיי, אָט פון די,
פון פּשוטע יידן, — פון הי און ניט־הי, —

די שטיצע די גרעסטע דערוואַרטן מע קען.
און נאָך עפּעס נעמט ער אַצינדער דערזען:

פאַר אָטאָ־די יידן, אויף גאַנצענער ערד,
כדי ווערן עס זאָל זייער תביעה דערהערט,

מע דאַרף אַ טריבונע, מע דאַרף אַ קאָנגרעס,
פון וואַנען צו מאָנען: דו, וועלט, ניט פאַרגעס,

פאַרגעס ניט אַן יידישן הערלאַכן פאָלק,
וואָס מענטשהייט וואָס גאַנצע מעג זיין מיט אים שטאָלץ:

פאַר זיינע אידייען — צעזונט אין תנ"ך;
פאַר שטויסן אייך, מענטשן, וואָס ווייטער פון נאַכט,

פון וואָרעם און חיה, — צו אדם און גאָט;
פאַר שענקען אייך, מענטשן, צען העלע געבאָט.

פאַרגעסט ניט! מיר מאָנען! מיר האָבן אַ רעכט!
אַ ווינקל אַן אייגן, באַוואָרנט פון שלעכטס.

אַן אייגן מדינה. מיט אַלעמען גלייך.
פאַרגעסט ניט, איר, פעלקער, — מיר מאָנען פון אייך! — — —

דערווייל האָבן וואָלקנס געקנוילטע פאַרשטעלט
דאָס ליכט פון זיין חלום — אַזוי שוין צעהעלט.

אָט פילט ער פונלאַנגשוין אַ ווייטיק אין האַרץ.
עס ווערט פאַר די אויגן גאָר אָפט אַזוי שוואַרץ.

און ס'רירן זיך גרונטן פון אונטער די פיס:
אָט פאַלט ער אַוועקעט — אין ניט־זיין צעפליסט . . .

דאָס קומט אים פון אומרו, וואָס לאָזט אים ניט אָפּ.
פון אויפרעג אין האַרצן, פון זאָרגן אין קאָפּ.

פון האָפן, פול ספק, פון איילן, פול שרעק:
אַוועקפאַלן וועט ער אינמיטן דעם וועג . . .

און היימישע קלעמען. די פרוי מיט פּראָטעסט
איז פול קעגן אים: אָן דער היים ער פאַרגעסט.

אָן ווייב און אָן קינדער. אים אַרט ניט פאַר זיי.
זיין מי, זיין פאַרמעג אינדערפרעמד ער צעזייט.

און אָנפאַלער נייע — פון דאָ און פון דאָרט —
פאַרדרייבן זיין אַרבעט, פאַרמינצן זיין וואָרט.

און אַנדערע רופן אים שעדיקער אָן:
ניט גוטעס אויף יידן וועט ברענגען זיין טאָן.

אָט וויל ער אַ קאָנגרעס. געהערט אַזאַ זאַך:
גאָר אָפן צו מאָנען דאָס לאַנד פון תנ״ך! . . .

עס איז אַ סכנה פאַר פרייהייט פון ייד —
אַדאָ, אין אייראָפּע, אין סאַמע איר מיט.

עס וועט נאָך דערוועקן צום יידן מער האַס.
און טרייבן מע וועט אים פון קריסטלאַכער גאַס:

אַהיים גיי. צו זיך. אין דיין אייגענעם לאַנד.
מיט הערצלען — דיין קיסר דעם פרישן — באַנאַנד . . .

און אויך די ציונים די אַלטע — זיי אויך
אים טוען באַפאַלן מיט פייער, מיט רויך:

וואָס איילט ער, טעאָדאָר? וואָס יאָגט ער אַזוי?
וואָס לויפט ער צו יעדן באַקנעפּלטן גוי?

גאולה פון יידן — אין גוישער וועלט —
זי קען ניט — און וועט ניט — פאַרוואָרן זיך שנעל.

הכשרת לבבות איז נייטיק אַ סך,
כדי קענען צוריקגיין צום לאַנד פון תנ"ך.

ניט דורך דיפּלאָמאַטן די זאַך וועט געשען,
נאָר דורך די נביאים — מיט געטלאַכן ברען . . .

און אַנדערע אָנפּאַלן. פון אומעטום.
פון איינעם — אין מורא: ער, הערצל, — ער קומט

פאַרקליינען זיין נאָמען, אַרויסשטויסן אים . . .
אַ צווייטער — מיט קנאה עס גאַליקט זיין שטים . . .

אַ דריטער רכילות און שקר פאַרשפּרייט . . .
אַ פערטער מיט יעדן זיין דורכפאַל זיך פרייט . . .

און אויך יענע יידן מעבר לים,
אין ווייטן, אין זאַטן, אין גאָלדענעם לאַנד;

אויך זיי זענען קעגן זיין הערלאַך אידיי:
אַן אייגן מדינה ניט געבן וועט זיי

קיין גרעסערע פרייקייט ווי זיי האָבן שוין.
דעריבער זיי זענען אַקעגן זיין טרוים — —

נאָר הערצל — ער שטאַרקט זיך, באַהערשט יעדע שטער,
באַזייטיקט אַ יעדע פאַרהאַלטונג — ווי שווער;

שלאָגט אָפּ די אַטאַקעס — פון לינקס און פון רעכטס. —
ניט ז י י ע ר ס — דער אמת, נאָר ע ר איז גערעכט.

ער זעט די געפאַרן, וואָס טראָגן זיך אָן
אויף יידן — פון יענעם און דעם האָריזאָנט;

פון ראַנדן פון אַלע — אין איטלאַכן לאַנד;
ער זעט פונעם מאָרגן דעם אימהקן בראַנד:

דאָס פאָלק אין סכנה! אים ראַטעווען שנעל!
דורך מעשים דורך גרויסע! און — קלאָר פאַר דער וועלט!

ניט שטילע שתדלנות — מיט שיפלות אין בליק. —
אַן אָפן געפירטע — אַ גרויס־פּאָליטיק! — — —

און אָטאָ — דורך מי און דורך אייגענעם געלט —
ער גרינדעט אַ וויכטיקע צייטונג — „די וועלט";

אַ צייטונג — אַ וואַפן אַקעגן די פיינט
פון דאַנען, פון דאָרטן, — ווו ווער זאָל ניט זיין;

אַ צייטונג פאַר אַלע, וואָס שטרעבן, ווי ער,
פאַרשטאַמען די יידן אין זיכערער ערד.

און שטרייטן ער, הערצל, — אַצינדער ער נעמט
מיט מערער ענערגיע און — מערער פאַרנעם.

ער קלערט אויף אין ציימונג דעם ציל פון קאָנגרעס.
ער שלאָגט אָפּ אין ציימונג אַ יעדן פּראָטעסט:

(פון ראשי הקהל אין מינכען דער שטאָט,
ווו אַ־דער צונויפקום געזאָלט זיין עס האָט;

און פון די ראַבינער, וואָס טענה'ן: זיין ציל
איז קעגן אַ יעדן פרום־יידיש געפיל;

און פון אַלע יענע — פון טמיעה פאַרכאַפּט,
וואָס האָבן סכנה דערשפּירט אין זיין טאַט

פאַר ווילזיין פאַר זייערן — דאָ, אינדערפרעמד,
און הויבן אַקעגן אים פּויסטיקע הענט) — —

און הערצל — ער שטרייט אַליין. און מינטערט. און מאָנט.
און זאַמלט מער מיטגייער אונטער זיין פאָן.

און רוט ניט. אָן זיך און משפחה פאַרגעסט. —
ניט מינכען — איז באַזעל, נאָר זיין ווערט קאָנגרעס! — — —

און אָט קומט אַ טאָג אַ געהויבענער אָן,
אַ טאָג, אין געשיכטע וואָס העלט אויבן־אָן;

אין דאָזיקן טאָג, אין שווייצאַריע דעם לאַנד,
אין באַזעל דער שטאָט, פול ציונים — צעפלאַמט,

געעפנט עס האָט זיך דער ערשטער קאָנגרעס
(פאַר קריסטן — אַ וווּנדער, פאַר יידן — אַ נס).

פון לענדער פון אַלע געקומען מען איז
(און איינער דעם צווייטן מיט יום־טוב באַגריסט).

אי מענער, אי פרויען, אי זקן, אי יונג;
רבנים, ראַבינער און דינער פון קונסט;

פּראָפעסאָר, יוריסט, אינזשענער, פאַבריקאַנט;
און דאָקטער, און סוחר, און מאַן פון פינאַנץ.

ס'פאַרפולן דעם זאַל דעלעגאַטן און געסט.
און אָט אָ געעפנט עס ווערט דער קאָנגרעס.

אָט שטייט ער שוין, הערצל, אין זאַל, אויבן־אָן,
אין שניפס אויסגעבונדן, אין פראַק אָנגעטאָן;

מיט זוניקן פנים, מיט פעכיקער באָרד;
מיט בליקן — פול חלום, מיט קול — אַזוי קלאָר.

ער רעדט און זיין שטימע, אַ פעסטע, זי קלינגט
אין ווינקלען אין אַלע פון זאַל און פאַרשפּינט

אַ יעדן מיט ווירקונג מיט אירער — פול רייץ.
און — שטראַלונג פון בליקן פון אַלע עס פּליצט.

עס הערט אויס דער עולם די באַזעל־פּראָגראַם,
די מאָנונג די שטאָלצע פאַר אייגענעם לאַנד;

די מאָנונג די ערשטע — נאָך צוויי טויזנט יאָר —
פון וועלט פון דער גאַנצענער — אָפן און קלאָר.

און ס'טראָגט זיך די שטים אַלץ און כּישופֿט אַזוי
(פֿון בימה, געצירטער אין ווייס און אין בלוי).

און עולם — ער הערט אַלץ, אין מנהיג פֿאַרבליקט
(מיט אויגן מיט פֿייכטע — פֿון ליכטיקן גליק;

מיט הערצער צעברויזטע — פֿון גרויסן מאָמענט;
מיט אבֿרים מיט אַלע — עקסטאַטיש צעברענט:

אַ חלום, געשפּונען דורך צוויי טויזנט יאָר, —
אָט ווערט ער דערשפּונען צו שייניקער וואָר — —).

און נאָכדעם, ביינאַכט, אין זיין צימער, אַליין,
נאָך שעהן פֿון יום־טובֿ (אין שמחה־געוויין),

נאָך שעהן — דערהויבן ווי קיינמאָל ביז איצט, —
ער, הערצל, אַ מידער, נאָר וואַכיק, — ער זיצט

ביים שרייב־טיש, ביים טאָגבוך, מיט פּענע אין האַנט
(אין טאָגבוך אין דעם־אָ — ער פֿירט אים פֿונלאַנג —

פֿאַרשרייבט ער, טעאָדאָר, אַ חשבון ער מאַכט
פֿון זיך און זיין חלום, — דורך טאָג און דורך נאַכט:

אַ יעדן געפֿיל, אויפֿגעקלאָרט אין זיין זעל;
אַ יעדן געדאַנק, אין זיין קאָפּ אויפֿגעהעלט;

אַ יעטווידע שטער, וואָס באַדריקט זיין געמיט;
אַ יעטווידן זיג, וואָס מיט מוט אים צעגליט;

אמונה, פול שטאַרקונג און צווייפל, פול פּיין;
און יאוש, פול חושך, און האָפן, פול שיין — —

ער טוט אַליך פאַרשרייבן. אַ חשבון ער פירט
פון יעדער זיין מיאונג, פון יעדן זיין שפּיר — — — —). —

און איצטער, אַליין, אין דער נאַכטיקער שעה,
פאַרשרייבט ער, פאַראייביקט אין טאָגבוך, אַדאָ,

נביאישע ווערטער, לדורות צעשיינט:
אין באַזעל, ביים קאָנגרעס, געלייגט האָב איך היינט

(צוזאַמען מיט חברשע טיכטיקע הענט)
פון היימלאַנד פון יידישן דעם פונדאַמענט.

מע וועט אפשר לאַכן, ווען כ'זאָג עס אַצינד.
נאָר פופציק יאָר שפּעטער וועט זקן און קינד,

וועט מאַנצביל און פרוי, אין דער וועלט אין דער גאָר,
דערזען פון די ווערטער פון דיי־אָ די וואָר — — —

און אָט איז דער קאָנגרעס, אין באַזעל דער שטאָט,
געשלאָסן. און עולם אַהיים זיך צעפאָרט.

עס הויבט זיך אויפסניי אָן אַ ניכטערע וואָך.
און ווידער עס וואַרט שוין פון פראַצע דער יאָך.

איז ווערט ער מיט אַרבעט באַלאָדן באַניים.
און אויפטאָן ער, הערצל, — אַ סך ער באַווייזט.

מאַכט נייע קאָנטאַקטן — מיט וויכטיקע לייט,
מיט יידן, מיט קריסטן, — פון היפּשן באַדייט.

און יאָגט זיך אַרומעט. איז תמיד אין וועג.
און ווו ער באַוויזט זיך — ער מינטערט, ער וועקט.

אָט קומט ער קיין לאָנדאָן — צום וויפלטן מאָל.
נאָר איצט איז זיין אָנקום אַ גרויסער דערפאָלג.

מע נעמט אים דאָ אויף מיט פּאַראַד, ווי אַ פּרינץ
(און העלע לעגענדעס אַרום אים מע שפּינט . . .).

און אָט איז ער ווידער אין ווין, אין פּאַריז.
און אומעטום ווערט ער באַגייסטערט באַגריסט.

ס'האָט קאָנגרעס באַוויזן: פאַראַן איז אַ פאָלק.
פון קולות מיליאָנען זיך קייטלט איין קול.

איז דאַרף מען דעם אייזן, צעשרפּעט אין פלאַם,
אַלץ פעסטער אויסשמידן, אַלץ מערער, — כל־זמן — —

איז טוט ער, טעאָדאָר. איז יאָגט ער אַרום.
און שפּאָרט ניט קיין קרעפטן. און קלערט ניט פון רו.

אָט לאָזט ער אויפסניי קיין טערקיי זיך אַוועק —
אין מזרחשן לאַנד — מיט באַקאַנטן שוין וועג.

ער פאָרט איצט אַהין (מיט אַ האַרץ — אויפגעברויזט)
אין שליחות אין צווייאיקער — ערנסט און גרויס.

זיך טרעפן ער דאַרף דאָרט און ריידן ער דאַרף
מיט סאַמע דעם גרעסטן גערמאַנישן האַר;

מיט סאַמע דעם העכסטן, ביי וועמען — די קרוין:
מיט א י ם — מיטן קאַיזער ווילהעלם אַליין.

עס לאָזט זיך דער קאַיזער אַהינצו אינגיך
אויף איינעם אויף זיינעם אַ פריינטשאַפט־באַזוך.

איז וועט ער, טעאָדאָר, זיך שטעלן פאַר אים
(די זאַך איז באַקלערט שוין, דער ענין — באַשטימט)

און בעטן: באַווירקן ער זאָל דעם סולטאַן
אַ טשאַרטער צו געבן — פאַר יידישן לאַנד.

און חוץ דעם, ער, הערצל, באַזוכן וועט דאָרט
דאָס לאַנד פון די אבות — עס זען אויף דער וואָר.

עס זען מיט די אויגן — דאָס לאַנד פון זיין טרוים . . .
און זען אויך, וואָס האָט מען דאָרט אויפגעטאָן שוין.

און וואָס קען מען נאָך טאָן. מיט וועמען. און ווי.
און וואָס דאַרף עס קאָסטן — אין מיטלען, אין מי.

און מער נאָך צעברוויזיקט עס האָט זיך זיין האַרץ
(אָט־אָט און — די ווענט פון זיין ברוסט עס צעשפּאַרט):

ער, הערצל, — ער לאָזט זיך אַצינדער אַוועק
אין היימלאַנד אין אַלטן, ווו איטלאַכער וועג

איז מדברדיק ווײסט און מסוכן אַזוי,
אַז טויטן אים קען דאָרט אַ יעטווידער גוי . . .

און אויב מע זאָל טאַקע אים אומברענגען דאָרט —
פאַרקירצט ער זײַן פאָטער און מוטער די יאָר . . .

און פרוי, און די קינדער, — פון זיי וואָס וועט זײַן?
זיי קענען דאָך אויסגיין פון שפּיזיקן פּײַן . . .

און אָט איז ער קראַנק. מיטן האַרץ אין געפאַר.
און שרײַבן ער דאַרף נאָך: פּרנסה עס וואַרט:

פאַר זיך און פאַמיליע — פון זײַן פּעליעטאָן.
און אַנדערע זאַכן ער האָט דאָך צו טאָן — —

איז אפשר ניט פאָרן? אויפגעבן דאָס אַלץ?
און ניט נאָר די רײַזע אָ־דיי־אָ — בכלל? . . .

ער, הערצל, — ער איז שוין צו־שוואַך און צו־מיד.
הגם נאָך ניט פערציק — אַן עלטערער ייד . . .

נאָר ניין! ער מוז פאָרן! עס קען ניט קיינזאַך
פאַרהאַלטן זײַן טאָן פאַרן לאַנד פון תנ״ך . . .

און מיען ער וועט זיך, און אַרבעטן, — ביז
דאָס האַרץ וועט אים פאָלגן, דער מוח, די פיס . . .

און אָטאָ ער איז שוין באַניים אין טערקיי,
אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. און מער שוין ניט ניי

עס איז דער אַרום אים. ער קען אים שוין וויל.
דעם ווילטאָק פון איין זייט, פון צווייטער — די הויל . . .

דעם לוקסוס פון רייכע. די אָרעמקייט — גרויס . . .
און הערצל — מיט רחמים ער שטראָמיקט, ער ברויזט

צו יעדן — אין ליידן . . . איז טיילט ער גאָר ברייט
נדבות אַרום זיך. און האָט אויכעט גרייט

מתנות — פאַר הויפּלייט פון טערקישן האַר;
אין געלט און אין צירונג. מע מוז עס. כּאַבּאַר . . .

און ווידער דערזעט ער דעם פּאַלאַץ — באַקאַנט.
די מענטשן די פאַלשע אַרום דעם סולטאַן . . .

די פירער די פולע פון קראַנקער טערקיי. —
אָן ד י ־ אָ עס ווענדט זיך די יידישע פריי! . . .

נאָר איצטער אויף קאַיזער ווילהעלם ער האָפט.
ס'קען קומען אַצינדער אַ פריידיקער סוף

צום חלום צו זיינעם — דורך דייטשישער קרוין.
און אָט איז דער קאַיזער — אַ וואַזשנער פּאַרשוין.

אָט שטייט ער שוין, הערצל, פאַר אָטאָ־דעם מאַן
דעם גאוהדיק שטייפן און — לייגט אוים זיין פּלאַן;

און זאָגט אים מיט שטימע, פול ווערדע און חן:
איצט ווענדעט אָן אים זיך, אָן קאַיזער אַליין:

ער, קײַזער װילהעלם, קען זען, דער סולטאַן
אַ טשאַרטער זאָל געבן — פאַר ייִדישן לאַנד.

און קײַזער װילהעלם, מיט נײגער אין אויג,
הערט אויס אָ־דעם ייִדן, — צום ענין געצויגט;

און גיט אים זײַן צוזאָג צו טראַכטן פון דעם;
און לאַדט אים אויך אײנעט אויפסנײַ זיך צו זען

מיט אים. אינדערגיכן. אויף הײליקער ערד.
און הערצל, פול האָפן צעהעלטן, — ער הערט.

און זעגנט זיך אָפּעט. און מאַכט זיך באַלד גרייט
צו לאָזן זיך װײַטער — אין לאַנד פון זײַן פרייד . . .

אין לאַנד פון זײַן פרייד . . . אויפן ים שוין ער פאָרט:
קיין יפו — פון ציון דעם אוראַלטן פאָרט.

עס װיגט זיך דאָס װאַסער — אַרויף און אַראָפּ.
עס װיגט זיך די שיף און — עס דרייט זיך דער קאָפּ.

ער, הערצל, — ער שטייט ביי דעם באָרט און ער קוקט
צו ימישע ברייטן — געהויכט און געבוקט.

ער שטייט און ער קוקט, און ער טראַכט פון דער פרוי,
װאָס פאָרט אויף דער שיף דאָ — צעװײַטיקט אַזוי:

אַ פרוי פון רומעניע, פון ייִדישן שטאַם. —
איז פאָרט זי באַזוכן אין הײליקן לאַנד

אַ טאָכטער אַ קראַנקע. — אַזוי אויכעט ער.
אויך ער פאָרט באַזוכן אַ חולה — אַן ערד . . .

אַ באָדן אַ וויסטן. אַ לאַנד — ניט־געזונט . . .
און טרויעריק ווערט אים, און צערדיק דערפון — —

און אָט קומט ער אָן. מע באַגעגנט אים שוין.
נאָר ניט מיט פּאַראַד אַ צעשטראָמטער המון.

בלויז עטלאַכע פריינט. און ער שפּאַנט שוין מיט זיי.
אויף גרונטן פאַרלאָזטע — מיט שטיינער פאַרזייט.

מיט שטיינער און זאַמדן און שטויבן — געדיכט.
נאָר פול יעדער ווינקל מיט בלענדיקן ליכט.

אַ בלויקייט אַזאַ . . . אַזאַ גליאיקע זון . . .
אָט איז ער געקומען — פון גלות אַ זון . . .

געקומען וויזיטן אַ מוטערל— קראַנק . . .
געזונט עס צו מאַכן — געקומען אין לאַנד . . .

און הערצל באַזוכט שוין קאָלאָניעס און שטעט.
נאָר הויך פון באַזוכער עס ווערט ניט גערעדט.

דער ישוב — ער שרעקט זיך פאַר ראָטשילדן היפּש . . .
דעריבער — אַ קילקייט אין בליקן, אויף ליפּ.

דאָך שפּירט ער דעם פייער, אין ברוסטן וואָס ברענט, —
ביים דריקן פון יונגע און אַלטע די הענט.

די יונגע — פֿאַרליבטע זיי קוקן צו אים.
די אַלטע אים בענטשן מיט ציטער אין שטים.

און מיידלאַך מיט קווייטן עם קומען — צעשטראַלט.
און אָט איז אַ זקן — מיט ברויט און מיט זאַלץ,

און אויך מיט אַ תורה: אַ מלך איז ער . . .
און אויגן ביי אַלע — צעשיינט און — צעטרערט.

און הערצל — אויך ער איז ביז טרערן גערירט —
אַ שמועס מיט דעם און מיט יענעם פֿאַרפֿירט:

ווי לעבט זיך אַדאָ? אויב צופֿרידן מען איז?
ניט גרינג דאָך — דער קיום פֿון דעם קאָלאָניסט . . .

איז טאַקע ניט גרינג — הערט ער אוים ניט איין מאָל. —
מען האָט שוין מיט שווייסן אַ סך דאָ באַצאָלט.

מיט שווייס און מיט בלוט. און מע צאָלט אַלץ — אַ סך. —
ניט לייכט איז צוריקקער צום לאַנד פֿון תנ"ך . . .

און אָט קומט אַ פּרייטיק פֿאַרנאַכט אינעם לאַנד.
אין ירושלים באַווייזט ער זיך — קראַנק:

(פֿון היץ און פֿון שטויב און פֿון רייזן דורך טעג). —
איז פֿילט ער: אַ פֿיבער זיין קערפּער עס זעגט.

אין האַרצן עס נאָגט אים. אין יעטווידן גליד.
און צו אַ געלעגער אַזוי אים עס ציט.

נאָר לייגן זיך איצטער — ער קלערט ניט דערפֿון.
אָט איז שוין פֿאַרגאַנגען אין מערב די זון.

און שאָטנס פֿאַרטרוימטע עס שפּרייטן זיך אויס
אויף שטאָט אויף אוראַלטער — אויף גאָרער איר גרויס.

אַן אָוונט אַ בלויער עס נידערט פֿונהויך
אַראָפּ אויף דער ערד און — מיט סוד זי באַהויכט.

פֿאַרשפּונען אין בלאָסן, אין מיסטישן שיין
פֿון מויערן גרייזע (לבנהיק באַשיינט),

ער וואַנדערט אויף גאַסן, אויף געסאַלאַך — קרום.
הערט איין זיך אין שטימען צעדאַוונטע פֿרום.

ס׳איז פֿרייטיק־צו־נאַכט אין דער הייליקער שטאָט.
ס׳איז שבת. ער שפּירט אים אויף יעטווידן טראָט.

אין שלעסער, אויף טירן פֿון קלייטן, — פֿאַרהאַקט.
אין שולן, מיט מענער און פֿרויען געפּאַקט.

אין בענטשליכט, וואָס לויכטן פֿון פֿענצטער אַרויס.
אין רו און אין זויבער פֿון יעטווידן הויז . . .

ער שפּאַנט אַליִק, ער וואַנדערט, — פֿאַרצויבערט אַזוי.
און פֿאַרכטיק עס פֿינקלען די שטערן אין בלוי.

און פֿון די אַרומיקע פֿעלזיקע בערג
אַ שטיל „לכה דודי", אים דאַכט זיך, ער הערט . . .

און נאָכדעם, אויף מאָרגן, ער וואַנדערט באַנײַס.
באַגעגנט אין שול גײַן אַ ײנגל, אַ גרײַז.

תימנער, בוכאַרער, אין אָנטאָן — צעבלומט.
און ספרדים פֿאַרנעמע, מיט פּנימער — פֿרום.

און אַנדערע ייִדן — מיט פּאות, מיט בערד.
אַ קיבוץ גלויות. פֿון גאַנצענער ערד . . .

ער גייט און באַטראַכט זיי, און גלעט מיטן בליק
די ברידער פֿון וואַנדער — געקומען צוריק . . .

ער גייט און באַטראַכט זיי. און אָט־אָ ער לאָזט
אַרײַן זיך אין אַלטשטאָט — פֿאַרוויסט און פֿאַרלאָזט.

דאָ הויערט היסטאָריע אויף יעטווידן טראָט.
דאָ וויינט, אין רואינעו, די געטלאַכע שטאָט.

עס גרייפֿט אים אַרומעט אַ צער — אַזוי שווער:
די פּראַכט אָ־די גרייזע — פֿון פֿרעמדע באַהערשט . . .

די פּראַכט אָ־די גרייזע — צעשטערט און פֿאַרוויסט.
נאָר אויך פֿון די חורבות אַ ליכטיקייט פֿליסט . . .

אָ, ירושלים! געהילט אין געוויין!
אַפֿילו אין חורבן אין דײַנעם ביסט שיין! — —

נאָר װעסט ניט פאַרבלײַבן אויף אײביק אַזוי.
דו װעסט נאָך דערהערן געזאַנג פון געבוי;

געזעג און געהאַמער — אין קרעפטיקע הענט
פון יידן פון יונגע, — אויף דעכער, אויף װענט.

איך זע שוין די שיפן, װאָס פירן אַהער
די דרײסטע באַפרײַער, — מיט טרײַהייט באַשװערט;

באַלאָדן מיט ליבע, באַעולטע מיט פליכט. —
זײ װעלן נאָך קומען און — אויפריכטן דיך! — — — —

און אָט קומט ער, הערצל, אַהײם שוין צוריק.
נאָר װײניק באַפרײדיקט. נאָר װײניק באַגליקט.

ער האָט זיך אויפסנײ מיטן קאַיזער געזען.
און אויבעט אַ שמועס אַ נײער — געװען.

ער האָט אים, דעם קאַיזער, דערמאָנט אויפדאָסנײ
אָן טשאַרטער פאַר יידן — דערװאַרט פון טערקײ.

נאָר דײַטשלאַנד — זי װיל ניט. זי מאַכט זיך אַרויס.
און פון אָ־דעם ענין געװאָרן איז אויס.

און איצט איז ער, הערצל, פאַרצװײפלט — אַ שרעק.
און מער נאָך צעבראָכן (און פאַלט אָפט אַװעק).

די רייזע — זי האָט אים געקאָסט פיל געזונט.
מען האָט שפּיאָנירט אים אויף היילִיקן גרונט:

די טערקישע הערשאַפט. געהיט זיינע טריט:
אין מורא פאַר אים — פאַר דעם „מאַכטיקן" ייד.

און איינמאָל איז דאָרטן באַפאַלן אים ווער —
אַ ווילדער אַראַבער, באַזאָרגט מיט געווער;

צעבליצט איבער אים אַ צעשאַרפטן קינזשאַל;
אַט נאָך איין סעקונדע — אַ טויטער ער פאַלט . . .

איז ער שוין צופרידן צו זיין אינדערהיים:
(ער ווייסט זי ניט זען מער — ער האָט שוין געמיינט . . .).—

נאָר איצטער וואָס טוט מען? וואָס מאַכט מען אַצינד?
אַז פון פּאַלעסטינע לאָזט אויס זיך — אַ ווינט.

ניטאָ אַליך קיין טשאַרטער פאַר יידישן לאַנד.
אַ פּאָר מיליאָן לירעס עס וויל דער סולטאַן.

בלויז צוויי מיליאָן לירעס און — אַלעס איז וויל . . .
איז ביי די מאַגנאַטן פאַרשלאָסן דאָס מויל.

זיי זאָגן ניט „יאָ". און זיי גיבן קיין געלט.
און לאַכן זיך אויס פונעם טרוים פון זיין זעל . . .

און אָרימע גראָשנס — איז שווערלאַך דורך זיי
אויסלייזן אַן אומה — צעשאָטן, צעזייט . . .

אָט האָט מען געשאַפן דעם שקל — אַ הילף
פון ייִד פון אַ יעדן (און ס'גיט ווער עס וויל).

נאָר ווייניק דערוווילע אויף קויפן אַ לאַנד;
אויף רעטן מיליאָנען פון קנעכטונג, פון שאַנד . . .

און אויב דאָס איז ווינציק — איז שטערט מען נאָך היפּש —
מיט ווערטער, וואָס גרייכן די זיבעטע ריפּ:

ער איז אַ פאַרפירער: אין פאָלק האָט דערוועקט
אַ גרויסע דערוואַרטונג, וואָס ווערט ניט „געדעקט".

און געלט ער צעפּטרט. פון קהל דאָס געלט.
געקליבן פון ייִדן פון אַלע אין וועלט . . .

און שונאים זיך פרייען: ער האָט קיין דערפאָלג:
ניט אויסלייזן וועט ער, דער „גואל", דאָס פאָלק.

און קראַנקער ער ווערט אַליך. און פאַלט אַליך אַוועק.
(און מיינט שוין: אָט קומט זי, די ענד פון זיין וועג...) ———

נאָר ניט רעזיגנירן ער וויל און ער קען.
זיין טרוים — ווי אין טאָג ווי אין ערשטן ער ברענט

אין האַרץ אין זיין קראַנקן, אין ברויזיקן קאָפּ;
און — לאָזט אים פון זיך אויף קיין רגע ניט אָפּ.

און ווידער ער פאָרט קיין טערקיי, צום סולטאַן, —
אַ טשאַרטער פאַרהאַנדלען פאַר ייִדישן לאַנד.

און ווידער ער זעט זיך מיט וויכטיקע לייט
אַדאָ, אין אייראָפּע. און שאַפט נייע פריינט

פאַר רעיון פאַר זיינעם. און טוט אַלץ. און יאָגט.
און — ווידער ער איז שוין אין לאָנדאָן דער שטאָט.

אויב דייטשלאַנד עס דרייט זיך אַרויסעט פון הילף;
און דאָרט, אין טערקיי, איז לחלוטין שוין שטיל;

מען האָט דאָרט אינגאַנצן געשלאָסן דאָס לאַנד;
פאַר יידישע וואָגלער (אַזוי וויל סולטאַן); —

וועט אפשר בריטאַניע, די פרייע, פאַרשטיין,
ווי נייטיק אַצינד איז פאַר יידן אַ היים.

און אויב ניט אַדאָרטן, אין הייליקן לאַנד,
איז ערגעצווו אַנדערש; אַזוי אין אַ קאַנט

פון איר טעריטאָריע. און — העלפן זי וועט.
און אויסלייז וועט קומען פאַר יידן אין וועלט — — —

און ס'ווערן געבאָרן פּראָיעקטן — גאָר גרויס —
פאַר אַנדערע היימען — אַ „נאַכט־אַזיל" בלויז.

אַ צייטווייליק היים. און ניט־ווייט פונעם לאַנד
דעם אייגענעם, אַלטן, — אין שטיינער, אין זאַמד . . .

אויף האַלב אינזל סיני. אויף ציפּערן־ערד.
אַן אַנדערער מקום — פון ענגלאַנד באַהערשט — — —

און ענגלאַנד איז ווילִיק. די זאַך זי פאַרשטייט
און געבן די יידן אַ היים איז זי גרייט.

און הערצל — ער טוט שוין, ער יאָגט שוין אַדאָ,
ער פירט שוין געשפּרעכן אַ שעה נאָך אַ שעה

מיט מענער פון ווירקונג, מיט מענטשן פון מאַכט.
און פּלענער — פאַרשיידן — צוזאַמען מע מאַכט.

און אָטאָ שוין ווערן עקספּערטן געשיקט
אַהין, ווו דער באָדן דער גרייטער עס ליגט:

אויספאָרשן געהעריק און מאַכן באַקאַנט,
צי מעגלאַך עס איז דאָרט פאַר יידן אַ לאַנד — — —

נאָר אויך אָ-די פּלענער — זיי פאַלן אַדורך
(און לאָזן נאָך איבער פון ווייטיק אַ שפּור

אין האַרצן אין זיינעם — מסוכן שוין קראַנק.
און — ברענגען אים נענטער צום קברשן ראַנד).

און ווידער ער, הערצל, אין קלעם זיך דערזעט,
באַרינגלט מיט הויכע, מיט אייזערנע ווענט;

באַרינגלט מיט גלייכגילט און שנאה און שפּאַס;
און ניט נאָר פון פרעמדע — פון אייגענער גאַס.

דאָס פאָלק שטייט פונווייטן — צום ענין גאָר קאַלט
(און ווייס ניט, און אַנט ניט, אין וועלט ווו עס האַלט,

ווי גרויס די געפאַר איז, וואָס לויערט אויף אים
און רוקט זיך אַלץ נענטער — אַ ריזיקע שפּין;

אַדראָ, אין איראָפּע, אין סאַמע איר מיט,
אין לענדער, מיט פּראָגרעס מיט העכסטן צעבליט . . .) .

און אייגענע מענטשן, ציונים, ווי ער, —
מע שטיצט ניט זיין אויפטו, נאָר פאַרקערט: מע שטערט.

אָט זענען אויף אים, אויף טעאָדאָרן, בייז
ציונים פון רוסלאַנד און — בונטעווען היים:

פאַר זוכן פאַר יידן מדינות — גאָר נייע
(אַפי זיי דערפירן צו זיכער, צו פרייע).

ווי וואַגט ער, דער הערצל, צו אויפהויבן גאָר
די דאָזיקע פראַגע? עס איז דאָך גאַנץ קלאָר:

איין ערד איז פאַראַן פאַרן ייד אין דער וועלט;
מיט באָדן מיט דעם־אָ באַהעפט איז זיין זעל;

מיט „ארץ" ער לעבט נאָר — אין חלום, אין וואָר;
צו ציון ער בעט נאָר — שוין צוויי טויזנט יאָר;

און זאָל זיך פאַרזאַמען פון אויסלייז דער טאָג;
און שווערער זאָל ווערן פון פּלאָגן די וואָג;

דער ייד וועט ווו אַנדערש ניט לאָזן זיך גיין
(און זאָל עס נאָר הייסן צייטווייליק אַ היים) — —

איז ווערט ער טעאָדאָר, פון דאָ און פון דאָרט,
באַנייעם פאַרשריגן, באַנייעם פאַרשפּאָט.

אָט האָט ער ניט לאַנג אָפּגעדרוקט אַ ראָמאַן:
„אַלטנייַלאַנד" — אַ ווערק וועגן הייליקן לאַנד.

דריי יאָר עס געשריבן, געשליפן, געטאָקט.
די טרוימען די העלסטע, וואָס אין זיין פאַרמאָג,

אַרייַנגעוועבט האָט ער אין דאָזיקן בוך
(פון זעאונגען זייַנע פון שענסטע — אַ פרוכט . . .) . —

איז ווערט ער פון אחד העם קריטיקירט:
אין אָ־דער אוטאָפּיע — ניטאָ איז אין איר

די יידן-נשמה (אין גלות געדריקט),
וואָס קערט זיך קיין ארץ ישראל צוריק . . .

איז אַרט עס אים, הערצלען. פאַרשאַפט עס אים פּיין.
פאַרשטעלט עס גאָר אָפּט פון זיין חלום די שיין . . .

און דאָ איז ער קראַנק אַלץ. מסוכן אַזוי.
און ליידט נאָך דערצו פון די קינדער און פרוי.

(גאָר זעלטן פאַרווייַלט ער מיט זיי אינדערהיים.
און שווער אים, דעם טאַטן און מאַן, צו פאַרשטיין . . .

און זייַנע פאַרדינסטן, — פון זיין פעליעטאָן, —
זיי ווערן אַלץ מערער אויף ציון פאַרטאָן) — —

און אַט איז אַ צוליִיג: זיין פאָטער עס שטאַרבט.
און פול ווערט מיט טרויער מיט האַרבן זיין האַרץ.

און פול ווערט זיין קאָפּ מיט געדאַנק וועגן טויט.
ער, הערצל, טעאָדאָר, — ער האָט אַלץ געטרוימט:

לשנה הבאה — אין אייגענעם לאַנד;
מיט יידן פון תפוצות פון אַלע — צוזאַם . . .

האָט ער ניט געקלערט פון קיין קבר אַדאָ
(ווען קומען עס וועט זיין געהייליקטע שעה).

נאָר איצטער ער קלערט שוין, ער גרייט זיך שוין צו.
לעם פאָטער — פאַרלאַנגט ער — זאָל זיין דאָ זיין רו.

ער וועט שוין מסתמא ביז ענדע דאָ זיין:
עס איז נאָך אין „ארץ" קיין משה אַריין . . .

דאָך ווערט ער נאָך אַלץ ניט פון יאוש פאַרשטראָמט,
נאָר פאַרקערט: עס טרייבט אים דער יאוש צו טאָן.

עס איז גאָר דער יאוש אַ טייערע זאַך.
געהויבענע „שטאָפּן" פון יאוש דו מאַכסט . . .

באַקומסט מער עקשנות, באַקומסט מערער מוט.
מיט אימפּעט מיט מערער פילט אָן זיך דיין בלוט.

מיט מערער ותרנות, מיט מערער געדולד.
מיט העלערן גלויבן דיין זעל ווערט פאַרפולט . . .

איז טוט ער , טעאָדאָר. איז רופט ער צונויף
אַלץ נייע קאָנגרעסן. און איילט זיך. און לויפט.

און זעט זיך מיט הערשער — גאָר וויכטיק און גרויס.
און פאָרט קיין איטאַליע — זיך זען מיטן פויפסט.

און מיט זיך פאַר יידן — געהאַסט און געפּלאָגט.
און רוף צו דערלייזונג אַלץ ברייטער צעטראָגט — —

דערווייל איז אַ נייע נבלה געשען.
אין רוסלאַנד־מדינה. עס האָט זיך צעברענט

די חושך־ממשלה מיט חיהשן גיר
נאָך יידישע לעבנס — אין קלעמען ביי איר.

אַ שחיטה אַ פרישע. אין קעשענעוו־שטאָט.
גזלנישער גוי, מיט רציחה אין טראָט,

מיט בלוטדאָרשט אין האַרץ, מיט סאַדיזם אין בליק, —
זיך טראָגט איבער גאַסן און מאַטערט און שטיקט.

אי זקן, אי מיידל, אי עופ׳ל ביי ברוסט —
אַ ציל פאַרן פויסט, פאַר באַשטיוולטן פוס;

אַ ציל פאַר דער האַק, פאַרן מעסער אין האַנט.
פאַרגאָסן מיט בלוט שוין איז יעטווידע וואַנט.

פאַרגאָסן מיט בלוט שוין — די שטיינער פון ברוק.
אָט וועלגערט אַ קינד זיך — אין צאַנקען עס צוקט.

אָט גייט אוים, געשענדעט, אַן עלטערע פרוי — —
און ס׳פלייצט אַלץ געהויל פון גזלנישן גוי:

דערמכּות די זשידעס, פאַרשנייד זייער שטאַם
און — ראַטעווע, ברודער, דאָס קריסטלאַכע לאַנד! — —

און ס׳האָט זיך צעוויכערט אַ פינצטערע שרעק
אין תּחום אינעם גאַנצן — פון עק ביזן עק.

און ס׳האָט אויפגעציטערט אַ יעטווידער ייד:
אין נויט איינגעקנאָטן, אין ווילטאָק צעבליט;

אי פרומער, אי פרייער, — אויף גאַנצענער וועלט.
און מער אויפגעברויזיקט עס האָט זיך זיין זעל;

זיין, הערצלס, נשמה; זיין וועזן זיין גאָר — —
און ער האָט באַשלאָסן: קיין רוסלאַנד ער פאָרט.

ער וועט זיך אַדאָרטן, אין פעטערבורג, זען
מיט מושלים געמיינע, ביי וועמען די הענט, —

זיי זענען פאַרקלעפיקט מיט אומשולדיק בלוט.
עס איז אים אומווערדיק. דאָך האָט ער דעם מוט

זיך שטעלן פאַר יענע און ריידן מיט זיי,
און בעטן פאַר יידן — אויף הפקר צעזייט;

זיי נויגן צום רעיון פֿון יידישן לאַנד;
זיי זאָלן באַווירקן דעם האַרטן סולטאַן.

ס׳קען העלפֿן אַ ציון, אַ ייִד אויפֿן אָרט . . .
און אָטאָ ער זיצט שוין, טעאָדאָר, און — פֿאָרט.

ער פֿאָרט און אין האַרצן עס דריקט אַזאַ צער —
פֿאַר ברידער פֿאַר זיינע, אַדאָרטן, ביים צאַר.

ער קען זיי נאָך ווייניק. האָט קנאַפּ זיי געזען.
ציונים אַ בינטל. נאָר מיט אַזאַ ברען . . .

און טייער געוואָרן זיי זענען אים באַלד.
דער תוך פֿון זיין אומה אין זיי איז צעשטראַלט . . .

זיי זענען דער מוסטער פֿון אמתן ייִד . . .
מיט יידישער שליחות מיט העכסטער צעגליט . . .

אָן ספֿקות. אָן סתירות. פֿאַרגאַנצטע ביז גאָר . . .
ער בענקט שוין נאָך זיי דאָרט . . . און אָטאָ ער פֿאָרט

אַריבער דעם גרענעץ. ער איז שוין אין לאַנד,
ווו אימה אין תחום אינעם גאַנצן עס שפּאַנט . . .

אַט ווערט ער באַגעגנט אין שטעטלאַך, אין שטעט
פֿון יידישע פֿאָרשטייער. און ער דערזעט

געזיכטער — צעשווידערט און אויגן — צעפּיינט.
נאָר ס׳רייסט זיך אַצינד אַזאַ זוניקע שיין

פון בליק פון אַ יעדן, דערזעענדיק אים . . .
און ס'ציטערט מיט בענטשונג אַ יעטווידע שטים:

אָט איז ער, דער גואל . . . וועט ראַטעווען זיי
פון גרויליקן אומגליק, פון שפּיזיקן ווייַ — —

און הערצל — ער קומט שוין אין פּעטערבורג אָן.
און שטעלט זיך פאַר פלעווען — דעם ראש פון פּאָגראָם.

און רעדט אויך מיט וויטען — דעם אַנטיסעמיט.
און פּרוווט זיי באַווירקן לטובת דעם ייד.

און עפּעס אַפילו אין זיי ער דערוועקט —
אין אָ־די תליונים — אין שניפּסן, אין פרעק:

אַן אַכטונג צו זיך און אַ צוזאָג: מ'עט זען
צו טאָן וואָס — אויב זיין וועט אין זיי נאָר געווענדט — — —

און ווידער ער זיצט שוין צעברויזט אין וואַגאָן.
ער טראָגט זיך צוריק שוין. און אָט קומט ער אָן

אין ווילנע. ער וויל דאָ באַקענען זיך מער
מיט ברידער מיט זיינע — געליטענע שווער.

און ווילנע — פון ראַנדן ביז ראַנדן זי רעשט.
פאַרפולט האָבן יידן אַ יעטווידע גאַס:

אַ בליק־טאָן אויף אים — דעם געווײלטן פון גאָט . . .
אַ קוש־טאָן די שטויבן פון אונטער זיין טראָט . . .

און הערצל דורך פּלעצער דורך ווילנער זיך טראָגט
און זעט זיינע ברידער — צעווייטיקט, פאַרצאָגט;

אין נויט איינגעקנאָטן. נאָר אויגן — צעשיינט:
אַ יום־טוב אַ גרויסער עס איז ביי זיי היינט . . .

און אָטאָ ער קומט אָן אין איינער אַ שול —
מיט יונגע און אַלטע ציונים פאַרפולט.

ער שטייט אויף דער בימה און זעט אַרום זיך
געזיכטער צעהעלטע און בליקן — אין ליכט.

עס בענטשט אים אַ רב מיט אַ תורה אין האַנט,
ווי קינפטיקן קיסר פון יידישן לאַנד . . .

עס טראָגט זיך פאַנאַנדער אַ שמחה־געוויין . . .
און הערצל — אויך ער זיך צעטרערט און צעוויינט . . .

און דאָרטן, אינדרויסן, מיט יידן געפּאַקט, —
עס הערט זיך געיעג שוין פון פערד און קאָזאַק.

געיעג און געשריי און געפּאַכע פון קנוט;
און ס'ליגן שוין יידן פאַרגאָסן מיט בלוט.

ס'האָט חושך־ממשלה קאָזאַקן צעשיקט
אויף יידישער ווילנע — אין טאָג פון איר גליק:

צעטרייבן די זשידעס, דערלאַנגען אין קאַרק, —
זיי זאָלן ניט מאַכן אַדאָדערט קיין מאַרק, —

זיי זאָלן ניט שטערן דעם סדר, די רו
פון הערשאַפט, וואָס האַלט זיך אויף שטעקן, אויף רוט ———

און ס׳טופּען די פערד, און עס טרעטן די פיס
אי יינגל, אי זקן, — אין בלוט אויסגעמישט.

און ס׳בובעט נאַהייקע אין רוקנס, אין קעפּ.
און ס׳מישן זיך אויסעט געוואַלדן און קלעפּ — —

און הערצל, אין שול דאָ, — פאַרציטערט ער שטייט,
און ס׳לעשט זיך אין אויגן אין זיינע די פרייד:

ווי קענט איר אַזוי־אָ דאָ לעבן, דאָ זיין?
אַזוי־אָ דאָ ליידן פון בלוטיקע פיינט?

ווי קענט איר? אָ, ברידער, פון שענדלאַכן תחום!
און באַלד אַ באַשלוס אין זיין מוח עס קומט:

מע טאָר ניט מער וואַרטן. מע מוז תיכף זען
זיי רעטן, פאַרנעמען פון גרויליקן קלעם.

און אויב ניט אַהינצו, אין הייליקן לאַנד, —
איז ערגעצוואו אַנדערש, אַוו אין אַ קאַנט.

און מיט דער החלטה פאַרלאָזט ער די שטאָט,
און שנעלער קיין אויסלאַנד, אַהיים, זיך צעיאָגט.

צוריק אינדערהיים. און צעבראָכן נאָך מער:
(פון אַליק, וואָס געזען אויף דער רוסישער ערד).

און תיכּף ער וואַרפט זיך אַריין אין דער זאַך:
אַ היים ערגעץ אַנדערש; און נאָר אויף דער נאַכט . . .

אַ נאַכט־אַזיל בלויז. אויף אַ צייט נאָר אַ היים. —
אַ שנעלע הצלה פון שונאים — געמיין . . .

און ווידער פון ענגלאַנד עס קומט אַ פּראָיעקט:
אוגאַנדע. אַ באָדן — מיט שפע באַדעקט.

אַ פּראַקטיקער באָדן. באַפעלקערט גאָר קנאַפּ.
מיט אוצרות אַ שלל ביז דער טיף דורכגעזאַפּט.

און הערצל — ער איז שוין באַנייעס צעברויזט:
דער פאָרשלאַג אָ־דער־אָ — היסטאָריש און גרויס;

ער גיט אַנערקענונג דעם ייד ווי אַ פאָלק,
נאָך צוויי טויזנט יאָרן מיט וואָגל באַעולט . . .

און ס׳קלאַמערט אַ פרייד אים אַ פרישע אַרום:
מיט אָ־דעם דאָקומענט קיין באַזעל ער קומט —

צום קאָנגרעס צום זעקסטן, אין אָטאָ־די טעג — —
און צוגרייטן אַלעם ער זעצט זיך אַוועק — — —

און אָט איז דער קאָנגרעס. פון גאַנצענער ערד
געקומען עס זענען ציונים אַהער.

עס איז שוין דער קאָנגרעס דער ציונשער לאַנג
די העכסטע טריבונע — פאַר פאָלק און פאַר לאַנד.

עס איז אַ־דער קאָנגרעס פונלאַנגשוין דאָס אָרט,
ווו ס'ווערן פּראָיעקטן — פֿאַרשיידן — פֿאַרוואָרט.

און איצטער ברענגט הערצל זיין נייסטן פּראָיעקט.
אָט שטייט ער. אַ קראַנקער. נאָר שלאַנק אויסגעשטרעקט.

דאָס פּנים — צעשייניקט און בליקן — צעשטראַלט,
און ס'טראָגט זיך זיין שטימע, אַ פּעסטע, אין זאַל:

אוגאַנדע. אַ באָדן, פֿול שפּע, פֿול זעט.
און אָט איז דער פֿאָרשלאַג דער ענגלשער. זעט!

אַ װוּנדער־דאָקומענט. היסטאָריש און גרויס.
און זיין וועט אוגאַנדע אַ נאַכט־אַזיל בלויז.

איז דאַרפֿן מיר בענטשן די איצטיקע שעה.
און זאָגן צום פֿאָרשלאַג צום ענגלישן; יאָ — —

נאָר ס'נעמט מיט רעוואָלט זיך צערוישן דער זאַל.
— „פֿאַרעטער!" — אַ וואָרט, ווי אַ בייטש, גיט אַ קנאַל.

— „פֿאַרעטער!" — פֿון דאָ און פֿון דאָרטן זיך טראָגט.
— „פֿאַרעטער!" — דאָס וואָרט האָט געטאָן אים אַ שלאָג

פֿון זייטן פֿון אַלע, פֿון מיילער — פֿול ווּט.
און ס'איז אים פֿון פּנים פֿאַרשווּומען דאָס בלוט.

אַ בלאַסקייט פֿאַרציט זיין צעזונטן געזיכט.
און ס'לעשט זיך אין בליקן אין העלע דאָס ליכט:

פֿאַרעטער אים רופֿן? פֿאַר וואָסערע זינד?
שוין אַכט יאָר דעם רעיון פֿון ציון ער דינט.

שוין אַכט יאָר ער מיט זיך לטובת זיין פֿאָלק.
האָט מיט זיין געזונט שוין גאָר טייער באַצאָלט.

מיט געלט מיט זיין אייגן, מיט אייגענער היים.
אין אויגן פֿון שונאים געוואָרן פֿאַרקליינט.

פֿאַרלאַכט און באַליידיקט, פֿאַרשעמט און באַשמוצט.
דאָך גלויבט ער אויך איצט, ווי אין ערשטער מינוט,

אין ציון־דערלייזונג. און זאָגט זיך ניט אָפּ
פֿון רעיון פֿון הויכן, וואָס לויכט אים אין קאָפּ,

פֿון הערלאַכן חלום, וואָס העלט אים אין זעל.
און דינען ער וועט אים ביז קברשער שוועל — —

נאָר איצטער ער קען ניט מער צוזען ווי ס'ליידט
זיין אומה אין רוסלאַנד. איז נאָר אויף אַ צייט

אָ־די־אָ אוגאַנדע. כדי רעטן פֿון נויט
די רוסישע יידן. פֿון נויט און פֿון טויט. —

איז קומט אים פֿאַרעטער צו רופֿן דערפֿאַר?
איז קומט אים נאָך שאַרפֿער פֿאַרווונדן דאָס האַרץ? — —

נאָר ס'האָט אינעם זאַל מיט רעוואָלט אַלץ געדרוישט.
און ס'זענען די קעגנער, צעצאָרנט, אַרויס;

פאַרלאָזן דעם קאָנגרעס. און ס׳האָט אַ געוויין
אין זאַל זיך צעטראָגן — אַ יאָמער־געוויין:

אַ סוף איז צו ציון, אַ סוף און אַן ענד — —
און ס׳האָט ווער, אין יאוש, פאַרבראָכן די הענט — — —

און הערצל — נאָך לאַנג אויף דער בימה ער שטייט.
ער שטייט אַ פאַרשטאַרטער. נאָר פלוצים — פאַרשטייט:

די קעגנער, צעצאָרנט, — זיי זענען גערעכט:
די יידן אין גלות — עס איז ביי זיי רעכט

נאָך לענגער צו ליידן, נאָך טויזנטער יאָר, —
אַבי זיך דערוואַרטן אויף צ י ו נ ש ע ר וואָר — — —

איז האָט ניט אוגאַנדע מער דאָ וואָס צו טאָן.
איז נעמט ער אַראָפּ זי פון סדר היום.

און שטילט איין געמיטער — מיט צאָרן צעברענט.
און זעצט פאָר דעם קאָנגרעס — ווי גאָרניט געשען.

און אָט איז די שליסונג. ער שטייט שוין באַניים.
די בליקן — צעפיינטע. דאָס פנים — געל־ווייס.

נאָר ס׳טראָגט זיך, ווי פריער, זיין שטים אַזוי פעסט.
און ס׳הערט, אַ געשפאַנטער, דער גאָרער קאָנגרעס:

עס ווערט ניט געמינערט פון באַזעל־פּראָגראַם
קיין וואָרט און קיין אות. און דאָס יידישע לאַנד —

עס בלייבט ווי געוועזן — די הייליקע ערד — —
און אָטאָ ער הויבט אויף די הענט און ער שווערט:

אויב כ'וועל דיך פאַרגעסן . . . זיין קול איז צעגליט
מיט הייליקן פייער . . . און עולם — געשמידט

מיט בליקן צום רעדנער — ער זיצט און ער הערט
און מערער צעברענט און צעברויזיקט ער ווערט, —

ווי ער וואָלט זיין מנהיג אין אָ-דעם מאָמענט
צום מאָל צו דעם לעצטן אין לעבן געזען — — —

און שוין. די געמיטער — שוין, דאַכט זיך, באַרוט.
עס בלייבט ווי געווען, ווי אין ערשטער מינוט . . .

עס בלייבט ביי דעם אַלטן, ביים הייליקן לאַנד.
און הערצל, — ער איז שוין באַנייעס אין שפּאַן.

ער אַרבעט באַנייעס. ער יאָגט זיך. ער איילט.
און טרעפן ער טוט זיך מיט וויכטיקע לייט.

אָט לאָזט ער אַוועק זיך באַנייעס קיין רוים —
צו מענער צו צוויי דאָרט — פון קרייץ און פון קרוין:

צום פּויבסט און צום קיסר. אין שליחות — גאָר גרויס.
און אָט קומט ער אָן און זיך זעט מיטן פּויבסט.

ער וויל פונעם פּויבסט אַ געפעליקייט — קליין:
ניט זאָגן צום רעיון פון יידנשטאַט „ניין“,

ניט שטעלן זיך קעגן דעם יידישן לאַנד,
אויב זיין וועט געזיכערט עס וועט וואַטיקאַן,

אַז הייליקע ערטער, די קריסטלאַכע, דאָרט, —
מע וועט זיי אָפּהיטן און שוינען ביז גאָר.

נאָר ס׳איז וואַטיקאַן צו דער זאַך ניט גענייגט.
און הערצל, מיט ווייטיק אין האַרצן, אין אויג,

הערט אויסעט אַן ענטפער אַ האַרבן פון פּויבסט:
ער איז קעגן יידישן פאָלק איבערהויפּט.

ס׳איז ירושלים (און גאַנצענע לאַנד)
דורך ישו־משיח געהייליקט פונלאַנג.

און יידן — זיי ווילן ניט אָנעמען אים.
זיי גלויבן ניט אַלץ, אַז ער איז אלוהים . . .

איז גלויבט ניט דער פּויבסט אינעם יידישן פאָלק.
און האָט זיי, די יידן, ניט איבעריק האָלט . . .

ביז אָנעמען וועלן זיי ישו׳ן — דורך שמד . . .
דאַן איז פאַר זיי אָפן דאָס הייליקע לאַנד — —

דערפאַר האָט ער, הערצל, געהאַט מער דערפאָלג
ביים קיסר, וואָס האָט זיי, די יידן, גאָר האָלט . . .

ער לויבט זיי, די יידן, ער רימט זיי ביז גאָר.
און גריילאַך עס ווילט זיך אים זען אויף דער וואָר —

און טאַקע אינגיכן — אַ יידישע לאַנד — —
און גרייט איז ער געבען אַ הילפיקע האַנט — — —

און הערצל, דערמוטיקט, — ער קומט שוין צוריק.
נאָר בלייכער — דאָס פנים און מידער — דער בליק.

ער טוט נאָך. ער יאָגט נאָך. מיט אייפער. מיט ברען.
נאָר עפּטער שוין לאָזן אַראָפּ זיך די הענט.

עס האָט אים אוגאַנדע צעבראָכן ביז גאָר.
די טעג אים פאַרמינערט. פאַרקירצט אים די יאָר.

און ס'איז דער געשטורעם נאָך אַלץ ניט פאַרשטילט.
און אָטאָ ער ברעכט אוים אויפסניי — אַזוי ווילד:

מע שיסט אין נאָרדוי — אַ פאַנאַטישע האַנט
(נאָך גוט, וואָס פון אָנפאַל ער גייט אַרוים גאַנץ . . .) .

און קעגנער אַלץ פּרווון אַקעגן אים טאָן.
אַזוי — ביז זיין זומער זיין לעצטער קומט אָן — —

זיין זומער זיין לעצטער. ס'איז יאָר ניינצן פיר.
ס'איז נאָרוואָס געוואָרן אים פערציק און פיר.

בלויז פערציק און פיר און — עס גרויט שוין די באָרד.
און גרוי אויפן קאָפּ שוין עס ווערן די האָר.

און קנייטשן עס טיפֿן זיך שאַרף אַרום מויל.
און בליקן, פֿול ליידן, דערציילן, ווי הויל

עס איז אים אין האַרצן, אין גאַנצענעם גוף.
און ס׳דאַכט אים: ער הערט שוין פֿון „דאָרטן" דעם רוף.

דאָך שלעפּט ער דעם יאָך אַלץ — אַזוי ווי ביז איצט.
און אַרבעט. און מיט זיך. מיט אימפּעט. מיט היץ.

ער האָט זיך באַמיט און — געלונגען איז אים
אַ שלום צו שליסן מיט די קעגן אים:

די „ציון־ציונים", די „ניינזאָגערס", — דאָרט,
אין רוסלאַנד, וואָס האָבן קיין מי ניט געשפּאָרט

צו טאָן אים אַקעגן; כאָטש ערלאַך געמיינט...
נאָר איצט איז שוין פֿרידן. מ׳איז ווידער פֿאַריינט.

פֿאַרקניפּט, ווי געוועזן, און הערצל — ער טוט.
און מיען ער וועט זיך ביז לעצטער מינוט...

ביז האַרץ וועט אים פּאָלגן, דער מוח, די פּיס — —
„אַ גוטער פֿערד שטאַרבט מיטן צוים אינעם פּיסק" — — —

אַזוי־אָ פֿאַרשטראָמען צעזומערטע טעג
און — קירצער צום קבֿר עס ווערט אַלץ דער וועג.

ער שפּירט שוין, טעאָדאָר... ער הערט שוין דעם קלונג
דעם דריטן... דעם לעצטן... עס לעשט זיך זיין זון...

„אינמיטן פון לעבן באַוויזט זיך דער טויט".
דער שטומער בית עולם — אינמיטן דעם טרוים . . .

אָט פאַלט ער אַוועק און עס הויבן זיך אָן
די סופיקע טעג פון זיין טרוים און זיין טאָן — —

ער ליגט אין די בערג. איז געקומען אַהער
נאָך אָפּרו און — קראַנק דאָ געוואָרן גאָר שווער.

בראָנכיט און — די לונגען זיך האָבן צעפלאַמט.
איז ליגט ער אין פיבער. איז ליגט ער אין טראַנס.

איז ליגט ער אין מאַטער, פאַרשטיקט און פאַרקלעמט.
און גליאיק דאָס לייב איז. און בריאיק — דאָס העמד.

און בלייאיק — דער אָטעם. און ענג איז אין האַלז.
און בליקן — מיט שקיעה מיט ראָזער צעשטראַלט.

נאָר קלאָר איז דער מוח. און האַרץ — אַזוי וואַך.
איז ליגט ער און — חשבון און לעצטן ער מאַכט.

עס איז אים קיין שאָד ניט, עס טוט אים ניט באַנג
זיין לעבן זיין קורצער, וואָס האַלט שוין ביים ראַנד.

ער האָט ניט קיין מורא. באַרואיקט ער שטאַרבט.
ער האָט דאָך קיין מי און געזונט ניט געקאַרגט

פאַר אומה פאַר זיינער — מיט פלאָגן באַעולט;
דאָס בעסטע פון זיך דאָך געשאָנקען דעם פאָלק. —

איז טויט ניט פֿאַרדריסן דער סוף — אַזוי פֿרי.
עס וועט שוין ניט ווערן פֿאַרלאָרן זיין מי.

עס וועט שוין זיין אַרבעט אומזיסט ניט אַוועק.
אַן אָפּן צעשפּרייטער עס ליגט שוין דער וועג

אַהין, אין געגאַרטן, אין טייערן לאַנד — — —
און — קומען עס וועט שוין דער טאָג פֿון געזאַנג — — —

ער איז אין דעם זיכער. פֿון מאָרגן דער דור
דערזען וועט פֿון חלום פֿון זיינעם די וואָר . . .

ער איז אין דעם זיכער. אָט ליגט ער און זעט —
אין פֿיבערשן דמיון — די שטעטלאַך, די שטעט,

די נייע, אין ציון, — צערוישט און צעוויגט
מיט יידן באַפֿרייטע, מיט יידן — באַגליקט.

עס האָט יעדער איינער זיין ווינקל, זיין שוועל
(באַשפּינט מיט אַ זון — אַזוי גרויס, אַזוי העל).

עס מיט זיך דער בויער. דער פּויער זיך מיט.
און דערפֿער — צעוואַקסן. און פֿעלדער — צעבליט.

דאָס לאַנד איז מיט שפֿע באַטרונקען און זאַט.
דאָס לאַנד איז מיט גבורה געהעריק באַשטאַט.

דאָס לאַנד איז מיט פֿירער מיט בעסטע באַזאָרגט
(און קיינער עס ווייס ניט פֿון נויטן, פֿון זאָרג).

דאָס לאַנד איז מיט ליבע און שלום צעהעלט
(אַ ביישפּיל פאַר לענדער פאַר אַלע אין וועלט) — —

ער איז אין דעם זיכער. און גרינגער איז אים
זיך שיידן מיט ליבסטע און פריינט אַרום אים . . .

אַט קומט אָן זיין מאַמע, מיט פּנים — צעפּיינט, —
און זוניק זיין צאַנקנדער בליק זיך צעשיינט:

אָ, מוטער! ווי ווויל וואָס געקומען דו ביסט!
נעם, זעץ זיך אַנידער. ניט שטיי אויף די פיס.

און זאָרג זיך ניט, מוטער, וואָס מיר איז ניט גוט.
ס'עט לאַנגשוין ניט נעמען. ס'עט ווערן מיר גוט . . .

אָט ווייזט זיך זיין פרוי, מיט די קינדער די דריי
און — ליכטיקן נעמט זיין געזיכט אויפדראָסניי:

אָ, טייערע יוליע! ווי ס'פרייט מיך דיך זען!
און דו, פּאַולינע, צום פאָטער גענען!

און טרודע — אויך דו. און מיין גוטינקער האַנס.
און צערטלען עס נעמט זיי, אַ בלאַסע, זיין האַנט.

און ס'ציטערט, אַ שוואַכע, זיין שטימע צום זון:
דו גיי אין מיין דרך, מיין איינציקער זון.

גיי זוך דיינע ברידער — געפינען וועסט זיי.
באַמי זיך זיי רעטן פון וואָגל, פון ווי.

מיין פֿאָלק דאַרף דיך האָבן. מיין אַרבעטער דו זײַ.
און העלף דײַנע ברידער דערגרײכן די פֿרײַ — —

און אָט איז דער העכלער — זיין האַרציקער פֿרײַנט
און — ווידער זיין צאַנקנדער בליק זיך צעשײַנט:

אָ, העכלער מיין ליבער! אויך דו ביסט פֿאַראַן!
גיב איבער מיין ברכה דעם הייליקן לאַנד.

דערצייל: פֿאַר מיין פֿאָלק האָב געשאָנקען מיין בלוט
און — טריי אים געבליבן ביז לעצטער מינוט — —

און ווידער נעמט שלאָגן גאָר שוואַך שוין זיין האַרץ.
און אָטעם אין לונגען — שוין ווייניק, שוין קאַרג.

און ס׳אײַלן די שעהן, די רגעס — צעיאָגט,
פֿון טאָג פֿון זיין לעצטן — דעם צוואַנציקסטן טאָג

אין תמוז דעם מאָנאַט. און אָט איז דער סוף.
ער, הערצל, פֿאַרוויגט ווערט אין אָרעמס פֿון שלאָף,

פֿון בלינדן, פֿון קאַלטן. און ס׳טיילט זיך אַרויס
פֿון לייב פֿון זיין שטאַרן זיין זעל — אַזוי גרויס — —

זיין לייב איז ניטאָ מער. צעווייט לאַנג אין אַל.
זיין זעל, ווי די זון ווי די אייביקע שטראַלט — — —

יוסף חיים ברענער

כי לעוררך באתי, אחי.

י. ח. ב.

ער בליקט אַראָפּ צו מיר פון וואַנט,
ער, יוסף חיים, — אין אַ רעמל
(מיט קאָפּ — אין קודלעס, ניט געקאַמט,
מיט באָרד, וואָס ווייס ניט פון קיין קעמל,

מיט פּנים — ברייט, מיט ליפּן — דיק,
מיט שטערן שמאָלן, פּויערישן;
נאָר איידל־מילד עס איז דער בליק
און העלט מיט גייסט, און קוועלט מיט ווּיסן).

ער בליקט אַראָפּ צו מיר פון וואַנט,
ער, יוסף חיים, — טויט שוין יאָרן.
נאָר פּלוצים כ׳פיל: זיין רעכטע האַנט,
זי רירט מיך אָן, — ווי ניי־געבאָרן.

זי נעמט מיך אָן און אינדערווייט
מיך פירט אַוועק — אַן אויפגעברויזטן;
דורך טעג — פאַרוויטע פון דער צייט,
דורך יאָרן — לאַנגשוין אָפּגערוישטע.

איך גיי אַדורך זיין קיום — קורץ,
פון קינדהייט־פרי, אויף רוסלאַנד־באָדן,
ביז בלוטיקן, ביז לעצטן שפּור
אויף ציון־גרונט — אין זון געבאָרן.

איך גיי אַדורך זיין לעבן — זאַט
מיט וואַנדערונג און מיט יצירה,

מיט גריבלערייען און — מיט טאַט,
מיט גראַדן דרך און — מיט סתירות;

מיט חושבנישן און — מיט שיין,
מיט רעזיגנאַציע און — אמונה,
מיט אייגענער און — יעדנס פּיין
(ביז ראַנדן פול — אַ טיפער ברונעם).

ער פירט מיך אַליך. איך גיי אים נאָך.
דורך וועגן — העל, דורך שטעגן — היילן.
מיט גאָר זיין גורל אָנגעיאָכט.
און אָטאָ — הערט: איך נעם דערציילן.

אָט איז זיין היים, זיין קינדהייט־היים,
זיין ערשטע „סטאַנציע", — נאָווי מליני:*)
אַ שטעטאַלע — פאַרשליידערט, קליין, —
אויף ברייטקייטן פון אוקראַאינע.

אַ סומנע היים, באַוווינט מיט נויט
(דער טאַטע איז דאָ אַ מלמד);
אַ היים, ווו קינדער מאָנען ברויט
און — קאַרגן זיי עס מוז די מאַמע.

אַ דלות־היים, אין זאָרג פאַרשמידט,
אַ גלות־היים, געהילט אין טרויער.
דאָ לעבט ער, ברענער. דאָ פאַרבליט
די קינדהייט זיינע טונקל־גרויע.

---

*) „סטאַנציעס" — אזוי האָט ברענער אָנגערופן די ערטער, ווו אים איז אויסגעקומען צו זיין אין זיין קורצן לעבן.

אין גבול פון חדר און פון קלויז,
אין קלערן — יונג נאָך — פון אַ תכלית,
אין רייסן זיך פון ענגן הויז
אין וועלט אַוועק, — צו מערער רחבות.

און אָט — נאָך יונג — שוין נע ונד,
אין שולן — פרעמד, אין פרעמדע היימען;
אַ קלויזניקל, מיט „טעג" באַשטאַט,
מיט אַ געלעגער אַ געמיינעם.

אַ קלויזניקל, ביים לערנער־טיש,
ביי דער גמרא, — פרום צעניגונט — — —
נאָר מוח זיינער, אָפט ער איז
מיט טרוימערייען אָנגעפליגלט.

ער, יוסף חיים, טרוימט פון וואָס
און — די ישיבות טוט ער בייטן;
ער נישטערט אַלץ, נאָר — ס'איז ניט דאָס;
און ס'ציט אויפסניי אים אינדערווייטן.

און אָט איז ער אין פּאָטשעפּ שוין — — —
אין שטעטאַלע פון אורי ניסן,*)
און דאָ זיין לעבן ווערט באַלוינט
מיט נ י ע ר תורה, נ י י ע ם וויסן.

ער לערנט אין ישיבה דאָ
(דער ראש ישיבה — גנעסינס טאַטע);

*) אורי ניסן גנעסין, באַרימטער העברעאישער שריפטשטעלער,
ברענערס אַ נאָענטער חבר.

נאָר דורך מעת־לעתן ניט איין שעה
אויף אַנדערע לימודים „פּטרט״.

מיט ציוניזם ווערט באַקאַנט,
מיט וונדער־וועלט פון שרייבער, ביכער;
און אין געהיים עס פּרוווט זיין האַנט
שוין עפּעס שרייבן — נאָך ניט זיכער.

אַזוי פאַרטריפן טעג אַ סך,
אַזוי פאַרשווימען פיל חדשים;
ער, ברענער, זוכט אַליץ, — טאָג און נאַכט,
און ס׳ווערט זיין נייגער ניט פאַרלאָשן.

און ס׳ווערט זיין אומרו ניט געשטילט.
דאָס האַרץ, עס ברויזט אַליץ, — ביז די ברעגן.
און אין די אויגן — בלוי און מילד —
אַ ציטניש נאָך נייע וועגן.

און ווידער וואָגל — ביאַליסטאָק.
ער לערנט זיך דאָ אַ מלאכה.
נאָר אומרו זיינער אַליץ אים טראָגט
און — ס׳ווערט זיין לערנען אָפּגעבראָכן.

און אָט איז ער אין האָמעל־שטאָט.
אַ יונגיטשקער. אינגאַנצן —זעכצן.
נאָר אָפּט אים דאַכט זיך: שוין באַיאָרט
ער, ברענער, איז — אַוודאַי זעכציק.

ער האָט אַזויפיל שוין געזען,
אַזויפיל שוין אַדורכגעליטן;

אַדורכגעטראַכט, אַדורכגעבּרענט, —
מיט גאָר זיין וועזן אָנגעגליטן.

נאָר שפּירן טוט ער, ברענער: ער —
אויף שוועל פון לעבן ערשט ער שטייט דאָ;
און ס'איז דאָס לעבן ביטער־שווער,
און ס'איז דאָס לעבן פול מיט ווייטיק.

דאָס לעבן פון אַ יעדן מענטש.
פון בריאה יעדער, נפש יעדן.
בפרט פון דעם, וואָס איז פאַרזען.
און גאָר באַזונדער — פונעם יידן.

אַדאָ אין לאַנד, ביים צאַר, — געמיין,
אין שטעטל — קליין, — אין שמאָלן געסל.
אָט איז ער לאַנגשוין פונדערהיים,
נאָר קען די היים אַליין ניט פאַרגעסן.

די דירה דאָרטן — אַלט, פאַרגרויט,
די צימערלאַך די ווערגיק ענגע;
דעם טאַטנס טרוקן שטיקל ברויט —
פון פרעמדער קאַרגער האַנט אָפּהענגיק.

דער מאַמעס ליידן — אָן אַ זין.
די שוועסטער, ברידער, — אָן אַ מאָרגן.
דאָס גאָרע לעבן — וויי און ווינד —
אין פענט פון נויט, אין שפּאַן פון זאָרגן.

און ס'גאָרע שטעטל — נעבעכדיק.
דער קרעמער־קיום — אָן אַ צוקונפט.

און אימה אין אַ יעדנס בליק —
פֿאַר גוי־רוצח און פֿאַרצוקונג.

און ס׳גאָרע לעבן אינעם תּחום,
אין שיפֿלות, חרפּה און — ירידה.
דער גלות איז שוין היפּש פֿאַרמומט,
די יידן — מער קיין עכטע יידן.

דער אַלטער שטייגער — שלאַבעריק
און פֿול מיט ריסן, פֿול מיט שפּאַלטן;
און יונגער דור — ער ברענט די בריק
אַהינטער זיך, וואָס פֿירט צום אַלטן.

נאָר אויבעט ער, דער נייער דור,
איז אויסגעוואָרצלט, אָן אַ באָדן;
ער זעט פֿאַר זיך קיין אַנדער וואָר
און איז מיט ווינט נאָר אָנגעלאָדן.

ער, ברענער, זעט עס און אַ צער
אין האַרץ אין זיינעם ווערט געבאָרן;
און פֿול דערבאַרעם ווערט זיין האַרץ
צו יידיש פֿאָלק — אין וועלט פֿאַרלאָרן.

און פֿול רחמנות צו דער וועלט,
וואָס ברוזט מיט זינד און מיט פֿאַרניכטונג,
וואָס שטייט פֿאַרהפֿקרט אויפֿן שוועל
פֿון גרעסטן בראָך אין איר געשיכטע — —

איז דאַרף מען עפּעס טאָן צו דעם.
איז דאַרף מען וועקן, דאַרף מען שטרייטן.

פאַר אייגן פאָלק אין ליידן־קלעם.
פאַר י ע ד ע ר אומה — נאָנטער, ווייטער.

פאַר י ע ד ן מענטש — אין פענט פון נויט,
פאַר יעדערן — אָן דאַך, אָן בגד;
זיי מאָנען אַלע אָנטאָן, ברויט,
זיי מאָנען אַלע אַ געלעגער.

פאַר יעדערן, וואָס איז פאַרקנעכט.
פאַר יעדערן, וואָס ווערט געטראָטן.
זיי מאָנען אַלע פרייהייט, רעכט.
דערמאָנען אַלע גאָטס געבאָטן . . .

איז נעמט ער, ברענער, עפּעס טאָן.
איז נעמט ער, ברענער, עפּעס שאַפן.
איז פירט ער דאָ מיט קרייזלאַך אָן —
מיט וויכטיק וויסן זיי באַוואָפנט.

איז ער בונדיסט און — ציוניסט
(און זעט אין דעם ניט קיין שום סתירה);
איז קעמפט ער קעגן גלות — וויסט
און — קעגן צאַרישער רעגירונג.

איז ער רעדאַקטאָר פונעם „קאַמף"*)
און — אויף העברעאיש טוט ער שרייבן
(און מיטן וואָרט ער פירט אַ קאַמף
אַקעגן קלאַס־און אומה־ליידן).

*) „קאַמף" — יידישע קאָנספּיראַטיווע אויסגאַבע פון „בונד" אין האָמעל.

און צייט ער האָט פֿאַר עפּעס נאָך —
פֿאַר ביטער־האַרבע גריבלערייען;
ער ברעכט זיך אָפּט אונטערן יאָך
פֿון פֿינצטערנישן — אומגעהייער.

עס גריזשעט אָפּט אַ צווייפֿל אים.
עס נאָגט אים אָפּט אַ יאוש־וואָרעם.
צי האָט דער גאָרער שטרייט אַ זין,
אַז — סיידי שטאַרבט מען, סיידי קברים . . .

צי לוינט זיך גאָר דאָס גוואַלדעווען,
צי לוינט זיך גאָר דאָס גאָרע וועקן,
אַז אָט און ביסט — ווי ניט געווען,
אַז אָט און — ס'טוט דיין וועלט זיך עקן.

און אָפּט ער שפּירט זיך אַזוי שוואַך,
אַזוי' אָן מוט, אַזוי אָן ווילן,
אַז גאַרן נעמט ער נאָך אַ נאַכט,
וואָס זאָל אויף שטענדיק אים פֿאַרשטילן.

נאָר ווידער ברויזן אויף אין אים
פֿאַרלאַנגען — פּלאַמיק — נאָך פּעולה:
ער איז טאַקע אַ גלות־קינד
און — זעט ניט אָפּט קיין שום גאולה.

עס לאָזן זיך די הענט אַראָפּ,
אַ בלינדע וואַנט פֿאַרשטעלט די אויגן, —
כאָטש נעם צעשמעטער זיך דעם קאָפּ,
כאָטש ריים אַרויס זיי, דיינע אויגן.

נאָר מ'דאַרף זיך שטאַרקן — ווייטער טאָן.
כל־זמן דו לעבסט — איז טאָט פאַראַנען.
אָט שטייען יידן ביי אַ תהום,
פאַרכלינעטע מיט פיין מיט ימען.

אָט איז אַ וועלט אַ גאַנצע קראַנק —
אויף שלעכטס און שנאה, גיר און גזלה — — —
איז דאַרף מען צושטיין צו דעם קאַמף
אַקעגן רשע, קעגן קוילער.

איז נעמט ער זיך באַניים צום שטרייט —
צום וואָרט זיינעם, צו זיינע מעשים.
איז שרייבט ער פיל, און וואָס ער שרייבט,
איז — ניט קיין שיינע, פוסטע מעשיות.

זיין וואָרט — אַ שליחות טראָגט מיט זיך:
נאָרמאַליזירן יידיש לעבן;
אויסהיילן וועלט פון אירע זינד
און מענטשנס פיין — אַ תיקון געבן.

אָט שרייבט ער, ברענער, אין אַ בריוו
צום חבר זיינעם — אורי ניסן:*)
קונסט איז ניט נאָר אַ שפיל, אַ שטיף,
און ניט אַ זאַך — נאָר צו געניסן.

ניט מיסטיציזם דאַרפן מיר,
ניט ווערק, מיט הימל אָנגעזעטיקט;

*) דער שריפטשטעלער אורי ניסן גנעסין.

ניט אָפּריגלען זיך הינטער טיר
פון סתם פאַנטאַזיעס און עסטעטיק.

מיר האָבן ניט אויף דעם קיין רעכט —
אין אַזאַ וועלט — פון נויט און הונגער,
אין אַזאַ וועלט — פון האַס און שלעכטס,
אין אַזאַ וועלט — פון בלוט און ווונדן.

מע טאָר פון לעבן ניט אַוועק
אין אויסגעטראַכטע שיינקייט־ספערן;
דער שריפטשטעלער, ער דאַרף זיין ווערק
אַרויסטרוימען פון וואָר פון שווערער.

עס איז דאָס לעבן — שטרענגע פליכט,
אין איר דערפילונג פרייד פאַראַן איז;
און אָנהייבן מע דאַרף פון זיך —
אַ ל י י ן מע דאַרף צו קדושה שפּאַנען — — —

איז טוט ער, ברענער, אָט אַזוי.
איז שרייבט ער, ברענער, רעאַליסטיש.
איז שילדערט ער דעם גאָרן ווי
פון גלות־לעבן פונעם וויסטן.

איז צאָרנט ער און וויינט און מאָנט.
איז וואָרט זיינער גענערט מיט שטורעם.
איז פול מיט פּיין זיין יעדער וואָרט —
מיט אייגן פּיין און פאָלקס־יסורים.

איז פול זיין וואָרט מיט צווייטנס צער,
מיט מיטגעפיל צום ליידנדיקן,

צום אָרימאַן, אין זאָרג וואָס דאַרט,
צום שפּלן און איבעריקן.

און ניט אין וואָרט נאָר פילט ער מיט
אַ יעדנס נויט, אַ יעדנס ווייטיק;
ער, יוסף חיים, — אָפּט ער גיט
דאָס לעצטע אָפּ פון זיך אַ צווייטן.

אָט שפּאַנט ער איינמאָל בײדערנאַכט
אין שפּעטער שעה אַדאָ, אין האָמעל;
די הייזער־לאָדנס — צוגעמאַכט,
פאַרהאַקט — די טירן פון די קראָמען;

די גאַסן — פּוסט, און רו פאַרשפּינט,
מע זעט קיין מענטש, מע הערט קיין שטימע;
שטעלט אָפּ אַ פרוי פון „יענע" אים
און — לאַדט אים איין צו זיך אין צימער.

באַטראַכט ער זי מיט באַנגן בליק:
אַ שוועסטער זײנע . . . אויסגעפּייניקט . . .
און גיט איר אָפּעט רחמימדיק
דאָס גאָרע געלט פון טאַש פון זײנער.

און איילט אַוועק מיט שנעלע שפּאַן,
באַגלייט פון בליקן — גאָלע שטוינונג:
אַ מאָדנער מענטש, מסתם אַ תם:
פאַר אָן שום נוץ — אַזוי באַלוינען — —

און אָטאָ האַלט ער, ברענער, אויס
אין שטאָט אַדאָ אַ קעסטקינד איינעם;

אַן אָרים יינגל; העלפט אַרויס
מיט אַלעמדינגג; הגם גאָר ווייניק

ער, ברענער גופא, דאָ פאַרמאָגט;
דערנערט זיך קאָרג — פון געבן שטונדן;
און אַלטע שיך און בגדים טראָגט;
און ווייס אַפּילו אָפט פון הונגער.

אַזוי ער לעבט אין האָמעל, דאָ,
אַזוי ער שטרייט, — מיט וואָרט, מיט אַרבעט;
און איז פאַרטאָן נאָך ניט איין שעה
אין שמועסן אין ערנסט־האַרבע.

עס איז אין שטאָט אַ קרייז פאַראַן —
פון אָנהענגער פון פרידריך ניטשע,
וו יעדן אָוונט, שעהן־לאַנג,
מע פירט וויכוחים אָנגעהיצטע.

און אויבעט ער אַן אָנטייל נעמט
(און הלל צייטלין, שלום־סענדער); *)
און שמועסן ער פירט מיט ברען;
ער גליט מיט אויגן, וואַרפט מיט הענט דאָ.

עס איז אים ניטשע זייער נאָנט,
נאָר נעענטער עס איז טאָלסטאָי אים;
ער, ברענער, איז שוין פונלאַנגאָן
אַן אָנהענגער פון אָ־דעם גאון.

*) שלום־סענדער באָום — אַ הויכע עטישע פערזענלאכקייט, אַ סטאָאיקער, אַ פילאָסאָף.

ער, ברענער, איז אַ סאָציאַליסט,
נאָר נאָך טאָלסטאָיס געדאַנק און שיטה.
ס'איז סאָציאַליזם שיין — געווים,
נאָר ווערן קען ער אויך אַ מיטל

צו נייער מאַכט, אין נייע הענט, —
פאַר אונטערדריקונג פאַר אַ נייער;
פאַר ווייטער הערשן איבער מענטש,
פאַר ווייטער טרעטן איבער פרייהייט.

איז זוכט ער, ברענער, קודם כל,
אין סאָציאַליזם, — יושר, עטיק;
איז הערט ער צו זיך צו דעם קול
פון אַ טאָלסטאָי, פון די פּראָפעטן.

און אָנהייבן פון זיך הייבט אָן:
ער גופא טוט זיך עטיש פירן.
און נאָך אַ זאַך ער וויל דאָ טאָן:
אַן אַלטן טרוים רעאַליזירן:

אַ שטיקל באָדן קויפן הי,
צוזאַמען מיט פריינט און — מי ניט שפּאָרן;
און לעבן פון דער אייגן מי —
טאָלסטאָיס אידיי אַזוי פאַרוואָרן . . .

און עפּעס טוט ער שוין אין דעם —
מיט הלל צייטלינען צוזאַמען.
נאָר ס'לאָזט זיך אוים פון פּלאַן פון דעם
לחלוטין אַנדערש ווי זיי פּלאַנען.

ער ווערט פונלאַנגשוין נאָכגעהיט
פון דער פאַרהאַסטער צאַר־ממשלה.
זי לוגט אויף אים, אויף אָ־דעם ייד,
וואָס רופט צו שטרייקן און קראַמאָלעס.

זי לוגט אויף אים, אויף אָ־דעם מענטש,
מיט אומרו־גייסט מיט פייער־הייסן,
וואָס קעמפט אַקעגן קנוט און פענט,
וואָס שטרייט פאַר פרייהייט און פאַר יושר.

און אָטאָ ווערט ער אַרעסטירט,
אַהינטער גראַטן אַיינגעריגלט;
און „פאָ עטאַפו" ווערט געפירט —
מיט שטרענגע היטער ענג באַעיגולט.

און ס'הייבט פאַר אים אַ צייט זיך אָן,
פול אימהדיקע כף־הקלן;
ער ווערט פאַרשליידערט אין אַ תהום
און — ווערט ניט שיעור אין אים פאַרפאַלן.

ער זיצט אין תפיסה — אין איין צעל
מיט אַרעסטאַנטן אַלערלייע;
ער ווערט באַקאַנט דאָ מיט אַ וועלט
פון שענדעריי און גאַזלעוואָיע.

ער זעט דאָ מענטשן — פונעם „דעק",
ער הערט דאָ רייד — אַ שוידער־פחד;
און ביידערנאַכט פון שלאָף זיך וועקט —
ליגט אויף דער נאַרע לאַנג א וואַכער

און בליקט אַרויסעט אין דער נאַכט
צום ברעקל הימל איבער קאָפּ אים;
און פון די שכנים זיינע טראַכט,
וואָס אָטאָ ליגט מען און מע כראָפּעט:

דער האָט באַ'גזל'ט און — געטויט,
דער האָט פאַרגוואַלדיקט און — געקוילעט;
איצט ליגן זיי דאָ איינגעקייט,
איצט כראָפּען זיי אויף נאַרעס הוילע.

איצט וואַרט אויף זיי אַ לאַנד — סיביר,
אַ קאַטאָרגע אַ ביטער־האַרבע
(אין גבול פון טייגע, אין געפריר;
אין גרויען עלנט; ביזקל שטאַרבן . . .).

און ס'ווערט זיין זעל מיט רחמים פול
צו אָ־די שענדער און גזלנים:
דאָס שלעכטס אין זיי — ניט זייער שולד,
נאָר פון די ביטרע מענטשן־שונאים;

פון די, וואָס מענטש איז זיי אַ קנעכט,
וואָס נאָגן אויס אים אָן געוויסן;
פון ז י י דאָס גיפטיק־שוואַרצע שלעכטס
אין שכנים זיינע טוט זיך גיסן.

נעם צו פון זיי די בייזע מאַכט,
דעם אומרעכט־סדר אַנדערש איבער, —
וועט פון אָ ־ ד י , אין טורמע־נאַכט,
זיך אויסוועפּן פון שלעכטס די סיבה — —

אַזוי־אָ ליגט ער שעהן אָפּ,
אַן איינגעקנוילטער אין געדאַנקען;
און הערט זיך צו צו דעם געבראָפּ
פון די פאַרשמידטע אַרעסטאַנטן.

אַזוי פאַרטריפן נעכט און טעג —
אין גרויען קאַמער, הינטער גראַטעס — —
ביז וועכטער נעמען אים אַוועק
צו נייע טורמעס, נייעם מאַטער.

ער שפּאַנט אויפסניי „מיטן עטאַפּ" —
מיט שטויביקע, מיט לאַנגע שליאַכן;
מיט מידע שפּאַן דעם וועג ער טאַפּט,
און וואָס אַ שפּאַן — ער שפּירט זיך שוואַכער.

דערנאָך, נאָך טורמעס אַלערליי,
נאָר ברודיקע, פאַרשטיקטע צעלן;
צוזאַם מיט שכנים און אַליין, —
אַ פרישע גזרה נעמט אים קוועלן.

פאַר אַ סאָלדאַט מע גיט אים אָפּ,
אין אַ קאַזאַרמע מע פאַרשפּאַרט אים;
און פאַלן נעמען אויף זיין קאָפּ —
פאַר מינדסטער שולד — קולאַקעס האַרטע.

עס איז די דינסט אים גרויליק שווער.
ער ליידט פון „דיאַדקעס" — פול רציחה.
ער מאַטערט זיך. ער „קייט די ערד".
עס ווערט דאָס לעבן אים ניט ניחא.

ביז ער אַנטלויפט. אַ דרעזערטיר.
באַהאַלט זיך אוים — אַזוי אַ ווינקל
(און זיצט אין שרעק, ווי נאָכגעשפּירט, —
אַ חיהלע, — פון יעגער פלינקע).

און טראָגט זיך אום פון אָרט צו אָרט,
און שטעט ער בייט, ישובים בייט ער.
נאָר לאַנג זיך טראָגן — ער פאַרשפּאָרט:
מע כאַפּט אים ווידער; מע פאַרשליידערט

אין פ ר י ש ע טורמעס — אָנגעפּאַקט
מיט אַרעסטאַנטן אַלערלייע.
און נ י י ע טעג ער זיצט פאַרהאַקט.
און וואָכן — ניי — אַזוי פאַרגייען.

ביז הלל צייטלין קומט מיט הילף —
זיין האָמלער חבר דער געטרייער;
ער גרייט אַ פּלאַן צו אינדערשטיל,
ווי פון די תפיסות אים באַפרייען.

און אין געהיים עס ווערט געשיקט
אַ יונג, וואָס טוט געוואַגן פאַרמאָגן,
מיט וואָפן — גרייט, מיט הענט, — געשיקט, —
אים, בּרענערן, אין וועג „אָפּשלאָגן".

און אָטאָ רייסט מען אים אַרויס
פון קלעמענדיקע וועכטער־לאַפּעס
(אויף איין אַ גאַס, אין שטאָט באָברויסק, —
באַניים אין שפּאַנען „פּאָ עטאַפּו").

און איצט, אויסגעניי פֿון קלעם באַפֿרייט,
דאָ בלייבן מער — ער טאָר ניט, ברענער;
איז שיקט מען אָפּ אים אינדערוווייט —
אַדורכשוואַרצן דעם רוסלאַנד־גרענעץ.

אַדורכגעשוואַרצט. אין אויסלאַנד שוין.
אַ נייע „סטאַנציע": לאָנדאָן — ענגלאַנד.
אין מזרח־טייל פון שטאָט ער וווינט.
אין יידן־פערטל אינעם ענגן.

געדרייטע טרעפ, אין שטויב, אין קויט,
צו דירה זיינער היגער פירן;
פון שטאָק צו שטאָק, אין טונקלקייט;
און אָט־אָ איז די וואַזשנע דירה.

אַ פינצטערע. פאַרענגט. פאַרשטיקט.
באַשטעלט מיט מעבל אַלטער, לאָמער.
אַ הינטיש בודע, וואָס דערדריקט,
דערשלאָגט דאָס לייב און די נשמה.

דאָ וווינט ער איצט, נאָך וואָגל פיל,
דאָ טוט ער, ברענער, ווידער ברוזין,
דאָ שרייבט ער ווייטער, — ניט געשטילט,
אַן עמיגראַנט פון רוסלאַנד בייזן.

דאָס יאָר איז ניינצן הונדערט זעקס,
די רעוואָלוציע — שוין דערוואָרגן; *)
די רוסלאַנד־הימלען — איינגעדעקט
אין קנויליקע רעאַקציע־וואָלקנס.

*) די רעוואָלוציע פון יאָר 1905.

און אַ ירידה הערשט אַדאָרט
אין רייען פון די דרייסטע שטרייטער.
מע זוכט זיך אָפּ אַ שטילן אָרט —
פון חשד פון יעדן זיין וואָס ווייטער.

מע זוכט אַצינד פערזענלאַך גליק.
אין אייגן זיין מען איז פאַרהאַוועט.
און ציניש פינקלט יעדנס בליק:
געננג די פאָן געטראָגן, חבר.

עס איז די סאַנין־צייט אַצינד.
הפקרות. גראָבע פאַרגעניגנס — —
און די פאַרהאַסטע הערשער־שפּין —
זי פרעסט אויפסניי די שקלאַפן־פליגן . . .

ער, ברענער, הערט עס — פונדערווייט.
נאָר קנאַפּער אַרט אים רוסלאַנדס גורל.
פאַרנומען איצטער איז זיין צייט
מיט מערער זאָרג, מיט מערער מורא

פאַר אייגן פאָלק, וואָס שטייט ביים ראַנד
פון אונטערגאַנג — אין אַלע לענדער.
אָט איז ער דאָ, אַן עמיגראַנט,
אין פרייעם לאַנד, — שוין מער קיין „פרעמדער”.

נאָר אויך אַדאָ אַ געטאָ גרויט
(אין לעצטער סטאַדיע פון ירידה),
און יידיש לעבן — באַלד שוין טויט,
און יידן היגע — קנאַפּ שוין יידן.

די עלטערע זיך האַלטן קוים
(שוין אָן אַ טעם און אָן אַ זינען);
און יונגער דור, ער ברעכט דעם צוים
און — פרעמדע געטער גייט ער דינען.

און אַזאַ קרירה הערשט אַרום —
אין אַ־דער שטאָט, פול נעפל דיקן;
מע קען דאָ ווערן טויב און שטום;
מע קען אויף טויט דאָ זיך דערשטיקן . . .

נאָר ברענער, ער, — ער ווערט ניט טויב,
און שטום ער ווערט ניט, — שרייען מוז ער;
און גאָר זיין רו אַצינדערט רויבט
זיין מאָנענדיקע יאָמער־מוזע:

ס'איז הויל אַרום, ס'איז וויסט אַרום,
אי דאָ, אי דאָרט, — אויף ערד אויף גאָרער;
טאָ קום דו, ברענער, — וועקן קום
מיט וואָרט מיט דיינעם, — פיין און צאָרן.

אָט גראַדע איצט, אין גליוויער־טעג,
אין טעג פון גלייכגילט מדברדיקן,
צו נייע שטרייטן רוף און וועק,
צו נייעם קאַמף און — פרישן תיקון.

און ס'קומען די „המעורר"־טעג —*)
פול אויפגעברויז; פול אויפגעשטורעם;

*) „המעורר" — מאַנאַטשריפט, וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין יענעם פּעריאָד פון שטילשטאַנד אין דער העברעאישער ליטעראַטור און פּרעסע.

ער ,ברענער, פיבערט, שרייבט און מעקט,
און יעדן העפט אַליין ער פורעמט.

און זעצט אַליין, און דרוקט אַליין,
און טוט אַליין זיי עקספּעדירן:
זאָל וואָרט זיינער צו יידן גיין —
די מדבר־טויטקייט עקספּלאָדירן.

זאָל גיין זיין וואָרט אין גאָרער וועלט,
אַריינדרינגען אין לענדער אַלע,
אויפמינטערן — אַוו אַ זעל,
אַוו אַ האַרץ — פאַרשלאַפט, פאַרחלשט.

און רופן זאָל צו נייער פליכט,
און פרישע מעשים מאָנען זאָל ער. —
אָ, ברודער מיין! צו וועקן דיך
מיין וואָרט איך שיק צו דיר אין גלות — —

אַזוי, ער, ברענער, ברענט אַצינד.
אַזוי ער לעבט אַדאָ, אין לאָנדאָן.
אין איינזאַמקייט, אָן ווייב, אָן קינד,
אין אָפּגעלאָזטן, אַלטן אָנטאָן.

די היים זיינע — פאַרענגט, פאַרגרויט.
דער טיש, דאָס בעטל, — נאַקעט־הוילע.
די נאַרונג זיינע — טרוקן ברויט.
אַ פּאָר קאַרטאָפל — גאָר שוין ווויל איז.

פֿאַרדינסט ער ציט פֿון זעצערײַ
(דער באַלעבאָס — אַ גיריק־שלעכטער);
און ווו אַ פֿונט, אַ שילינג, — „פֿרײַ״, —
פֿאַרטוט ער זיי אויף זײַנע העפֿטן.

און אויך אויף העלפֿן ווו אַ פֿרײַנט,
אַן אָרימאַן, אַן עלנט־קראַנקן;
און סתם אויף ברענגען ברעקלאַך שײַן
צו די, אָן שײַן פֿון זון וואָס צאַנקען.

אָט קלײַבט ער, ברענער, אָפּט צונויף
אין וווינונג זײַנער — ענג און פֿינצטער —
פֿון יעדער גאַס, פֿון יעדן הויף
פֿאַרקוויטיקט־הוילע גאַסן־קינדער

און מאַכט פֿאַר זיי אַ סעודה דאָ,
און עסט און טרינקט מיט זיי אינאיינעם,
און רעדט פֿאַר זיי אַ שעה נאָך שעה, —
דערציילט זיי מעשׂיות וווּנדערשיינע.

און יעדערן אַ וואָרט ער גיט.
און זאָל מען לאַכן, זאָל מען זינגען.
און אין די קינדער פֿרייד עס גליט.
און יונגע שטימען הייטער קלינגען.

און אויך אין אים אַ שׂמחה זינגט.
און אויבעט ער איז אויפֿגעהייטערט.
ער פֿילט זיך דאַן אַליין אַ קינד,
פֿון גאָר זײַן שווערמוט אַ באַפֿרייטער — — —

נאָר פֿיל אַזעלכע שעהן — העל,
אין לאָנדאָן, דאָ, ער האָט ניט, ברענער;
אָט איז ער ווידער פֿול געקוועל,
אָט פֿלאַמט ער ווידער — אַ גיהנום.

אָט פֿאַסעווען אויפֿסניי זיין רו
נשמהדיקע בייטשן־ווייען;
אָט קאַרביקט אים אויפֿסניי די רוט
פֿון שאַרפֿן ספֿק, שווערן יאוש.

אָט מיט ער זיך — בייטאָג, ביינאַכט.
אָט טוט ער, ברענער, מאָנען, וועקן.
אָט שטייט ער דאָרטן אויף דער וואַך
און רופֿן שיקט אין אַלע עקן.

אָט שלעפּט ער די „המעורר“־פּעק,
אַליין, דורך שטאָט, אויף מידע פּלייצעס,
אין אָנגעשטאָפּטע גרויסע זעק, —
צעשיקן זיי אין אַלע תפוצות.

נאָר שלאַבעריק דער אָפּרוף איז —
אפֿילו פֿון חברים־שרייבער;
זיי פֿאַלן אַלע פֿון די פֿיס;
ס'עט באַלד 'שוין קיינער פֿון זיי בלייבן . . .*)

---

*) די שרייבער האָבן זיך שוואַך אָפּגערופֿן אויף ברענערס איינ־לאַדונג מיטצואַרבעטן אין „המעורר“, וואָס ער האָט רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן.

איז וויל ניט גאָר, קען זיין, דאָס פאָלק
פון זיין פאַרקנעכטונג זיך באַפרייען?
עס איז אים ווויל אין שיפלות־עול?
עס איז אין שאַנד אים אַ מחיה?

עס איז אים גוט אַ שפענדל זיין
אין וואַסערן פון וועלטן פרעמדע
און הוידען זיך לאַנד־אוים, לאַנד־איין, —
אַ ה פ ק ר ע ר אין אַלע לענדער?

עס איז אים גוט אַ בלעטל זיין,
פאַרגעלט, פאַרדאַרט, אין ווינט געטראָגן
און וואַנדערן אין אָסיען־שיין,
און — אומקומען אין אָסיען־וואָגל?

און יוסף חיים, ער אַליין, —
אויך ער איז פול מיט סם פון גלות.
ער זיצט אַדאָ, ער מאָנט, ער וויינט
און — מיט „באַזיגטקייט" איז פאַרקללחט. *)

ער, ברענער, זעלבסט אָן ווילן איז,
אָן האָפענונג, אָן טרוים, אָן שטרעבן;
ער גופא שטייט קוים אויף די פיס
און פאַלט אַוועק אָפט — מיד פון לעבן.

---

*) אין ברענערס ראמאן „שכול ושכלון" איז דער הויפטהעלד, יחזקאל חפץ (ברענער), אַ „באַזיגטער מענטש".

ער זיצט אין דער פאַרסמטער לופט
פון לאָנדאָנער פאַרגרויטן געטאָ;
ער מאַטערט זיך מיט זעל, מיט גוף
און — זעט קיין אויסוועג, זעט קיין רעטונג.

ער זעט דאָס לעבן זיך אַרום —
פון פוילעניש אַדורכגעפּרעסן;
דעם עמיגראַנט, פון דאָרט, פון תחום,
וואָס האָט דעם עיקר שוין פאַרגעסן

און טומלט זיך אין פּוסטן קריג
פון ריכטונגען, פאַרטיי־פּראָגראַמען,
און ווערט אַלץ מער אין שלאָף פאַרוויגט,
אַלץ מער פאַרקרייזט אין גליוזער־צאַמען.

ער זעט זיין דרוקער־באַלעבאָס —
דעם גיריקן עקספּלואַטאַטאָר;
די אַרבעטער — סאַראַ פאַרדראָס —
וואָס איינס דעם אַנדערן פאַראַטן . . .

און פון אַ גאַנצן יאָר דעם ייד,
וואָס טוט אַלץ מערער וועגעטירן;
און זיך ער זעט דאָ, אינדערמיט, —
אָן וועג, וואָס זאָל אים ווייטער פירן.

און ס׳ווערט אים אַזוי ווערגיק ענג,
און ס׳לאָזט אים מערער ניט איינזיצן:
עס איז דאָך טאַקע שוין אַן ענד,
שוין טאַקע „כלו כל הקיצים“.*)

*) כלו כל הקיצים — ברענערס אַן אָפטער אויסדרוק.

און „ראַטעווען" ער פּרוּווט זיך דאַן
דורך אַלץ פון זיך אַרויסצוקלאָגן;
אַרויסוואָיען פון זיך דעם וואָן,
די פּינצטערניש פון זיך פאַריאָגן.

און ער פאַרשפּאַרט זיך אינדערהיים
אויף טעג אויף לאַנגע, אויף מעת־לעתן;
ער וואַרפט אַרויס אַלץ פונדערהיים
און — וויל ניט שלאָפן, וויל ניט עסן.

ער לאָזט ניט צו דעם קוילן־מאַן —
הגם אַ קרירה הערשט אין „בודע".
ער יאָגט זיך אום פון וואַנט צו וואַנט —
מיט אַלע אברים אויפגערודערט.

ער יאָגט זיך אום — אין פעלד אַ ווינט —
מיט איינגעהילטן קאָפּ און פּנים;
פון לייב פון זיינעם שוויס עס רינט
און ס'ברענט מיט שאַפן זיין נשמה.

אַזוי פאַרשטראָמען טעג און נעכט.
ער הערט ניט אויף זיך אומצויאָגן.
גיסט אוים די מילך און דאָס געקעכץ,
וואָס איין אַ פרוי אים ברענגט צוטראָגן.

עס איז אים איצטער אַלץ אַ שטער.
ער קען ניט עסן, קען ניט רוען.
ער איז באַוועלטיקט פון זיין ווערק,
ווי דער פּראָפעט פון זיין נבואה — —

ביז אשר ביילין קומט צוגיין —
זיין לאַנדאָנער געטרייער חבר;
ער ברעכט אַריין זיך אין זיין היים
און — פּרואווט אים איינעמען מיט אהבה:

ער מוז דאָך נעמען וואָס אין מויל,
עס מוז דאָך זיין אַ שיעור צו אַלעם;
ער זעט דאָך אוים — אַ שרעק, אַ גרויל,
אַ טויטער שוין, — ניט נאָר פאַרחלשט . . .

נאָר ברענער איז שוין איינגעשטילט.
פון ווערק זיינעם — ניט מער באַזעסן;
און ליכטיקער זיין בליק עס שפּילט:
נו, גוט, ער וועט שוין עפּעס עסן — —

אַזוי פאַרגייען פרישע טעג,
אַזוי־אָ — וואָכן און מאָנאַטן;
ער זיצט אַליין דאָ און מאָנט און וועקט,
ער זיצט אַליין דאָ און רופט צו טאַטן.

נאָר וואָס אַ טאָג, אים קלאָרער ווערט:
פאַרבלייבן דאָ — ער טאָר ניט מערער.
וואָס טוט ער אויף דער ענגלאַנד־ערד —
געהילט אין נעפּלען גרויע, שווערע?

וואָס וועלגערט ער זיך אינדערפרעמד
וואָס דרייט ער זיך פאַרקלעמט אַרומעט?
וואָס ברעכט ער זיך אין ווי די הענט
אויף מאַטערנישן פון זיין אומה?

וואָס גריבלט ער כסדר זיך?
וואָס טוט ער זיך כסדר פּייניקן?
וואָס האָט ער אַלץ — צו פֿאָלק, צו זיך, —
אַזעלכע חלף־שאַרפֿע טענות?

ער, יוסף חיים, דאַרף דאָך זיין
דער ערשטער צו אַוועק פֿון דאַנען;
אַוועק פֿון גאָרער גלות־פּיין;
אין אייגן באָדן זיך פֿאַרשטאַמען!

אַוועק צום העלן ציון־בּרעג.
אַוועק צו ערד, מיט זון באַגלאַנצטער.
דאָס איז דער איינציק־לעצטער וועג.
דאָס איז די איינציק־לעצטע „סטאַנציע".

ס'איז טאַקע וואָר: אַ ציוניסט
ער, בּרענער, איז — אַ ספק־פולער;
נאָך גאָרניט זיכער אָפּט ער איז,
אַז ציוניזם איז — גאולה.

ער קריטיקירט אויך זייער פיל
די ציון־פירער, די קאָנגרעסן;
ער האַלט פֿון טאָן מער אינדערשטיל,
ניט זיין פֿון גאוה — גרויס — באַזעסן.

ער האָט ניט ליב די הויכע רייד,
ער האָט ניט ליב דעם גלאַנץ דעם פּוסטן;
די הילף דאַרף קומען שטילערהייט,
דורך מענטשן פּראָסטע, אומבּאַוווסטע...

אָן פּיאָנערן איז אומזיסט
די גאָרע מי, די גאַנצע אַרבעט.
דער אמתדיקער ציוניסט
איז דער, וואָס גרייט איז אויך צו שטאַרבן

פאַר יעדן שפּאַן פון אייגן גרונט —
אַדורכגענעצט מיט שווייסן זיינע;
פאַר יעדן פונק פון אייגן זון,
וואָס טוט זיין ערלאַך מי באַשיינען — —

און אָט אַזעלכע זעט ער שוין —
פאַרעקשנטע אידעאַליסטן;
באַשיידענע, אָן גאווה־קרוין,
מיט לייב און לעבן־ציוניסטן.

און צוליב זיי ער פאָרט אַהין:
מיט ז י י דאָרט זיין, אינאיינעם בויען;
פאַרגעסן גאָר די ליידן — בלינד,
פאַרגעסן גאָר דעם בלינדן טרויער . . .

און אָט איז ער באַניים אין וועג.
פאַרווײלט אַ צייט נאָך אין גאַליציע.
און אויך אַדאָ ער רופט און וועקט:
מע טאָר אין גלות מער ניט זיצן . . .

און ווידער יאָגט ער מיט אַ באַן
דורך פרעמדע לענדער, פרעמדע וועגן.
און אָטאָ שניידט ער שוין דעם ים
אַלץ נעענטער צו ציון־ברעגן — —

דריטער טייל

אין ציון שוין. אָקאָרשט. אַ גאַסט.
נאָר קיינער ווייס ניט פון זיין קומען.
און — גוט אַזוי. ער, ברענער, האַסט
פון אויפנאַמעם דעם פוסטן טומל . . .

ער ווייכט פון פירסום. פיינט ער האָט
דעם גיר נאָך רום, דאָס כבוד־זוכן.
ער האָט איינמאָל, אין לאָנדאָן־שטאָט,
אַרויסגעיאָגט — צו אַלדי רוחות —

רעפאָרטערס צוויי פון אַ גאַזעט —
געקומען אים אינטערוויואירן
(דעם „נזיר־שרייבער", דעם „פראָפעט", —
פאַראיינזאַמט אין אַ חורבה־דירה). —

איז אָנקום זיינער אינדערשטיל.
זאָל קיינער וויסן: עס איז ברענער.
פאַרווינקלען זיך אַצינד ער וויל
פון אַלע די, וואָס אים דאָ קענען.

ער טרוימט אַצינד פון שטילקייט, רו.
ער חלומט איצט פון דאָרף־גערינגל.
אין אַ קאָלאָניע ערגעצוו
וועט ער אַוועק און זיך פאַרווינקלען.

און האָרעווען ער וועט דאָרט שווער —
ביי ערדאַרבעט, מיט פלוג, מיט קאָסע;
און טרינקען קרעפטן פון דער ערד,
און זיך דערקוויקן מיט איר ראָסע.

און לעבן וועט ער איינפאַך, פּראָסט,
מיט שטילע מענטשן — פּיאָנערן;
און מיטן עבר און זיין ראָסט
ער, ברענער, וועט זיך מער ניט נערן . . .

און טאַקע באַלד אַזוי ער טוט.
ער גייט אַוועק אין אַ קאָלאָניע.
ער מיט זיך טיכטיק אויף אַ גוט.
און קיינער דאָ דערקענט זיין פּנים . . .

אַן אומבאַוווסטער דאָ ער לעבט . . .
אַזוי אַ מענטש. אַ פּראָסטער פּויער.
אַ פּיאָנער, וואָס גאַרט, וואָס שטרעבט, —
ווי אַנדערע — אַ היימלאַנד בויען.

נאָר שלאַף ער ווערט פון שווערער מי,
נאָר קראַנק ער ווערט פון האַרבע עולן;
און אָפּפירן מע מוז פון הי
אין שטאָט אַריין — אין אַ שפּיטאָל אים.

און אין שפּיטאָל דערקענט מען אים.
און דאָ, אין שטאָט, ער טוט שוין בלייבן.
און ווידער איז ער אינעם רינג
פון אייגענע — פון לערער, שרייבער.

און גופא ער אַ לערער ווערט.
און נעמט זשורנאַלן רעדאַגירן.
און איז דערצו באַניים באַשווערט
מיט עול מיט זיסן פון יצירה.

און עפּעס נאָך עס קומט דאָ צו:
אַ פרוי העלט אויפּעט אין זיין לעבן;
זי וועט אים אפשר ברענגען רו...
אַ קינד — אַ יורש — אפשר געבן...

און ס'קומט אַ קינד — אַ שיינער זון —
נאָך אורי ניסן ווערט באַנאָמענט — —*)
און אָנגעשיינט עס ווערט מיט זון
זיין, יוסף חיימס, נאַכט־נשמה.

די עלנט־קללה — זי פאַרשווינדט.
פאַראַן אַ היים, אַ פרוי אַ ליבע.
און אַזאַ שיין און טייער קינד.
און ביז גאָר זויבער איז אין שטיבל.

די פרוי — זי שאַפט באַקוועמלאַכקייט.
אַ בעסער בעט, אַ שענער טישל.
זאָל זיין דאָס לעבן „ווי ביי לייט".
זאָל זיין דאָס לעבן — צום געניסן.

און ברענער, ער, — ער „שליסט אַ בונד" **)
מיט אַלץ אַרום, מיט גאָרן לעבן.
צוליב דער פרוי, צוליבן זון
עס לוינט צו זיין, עס לוינט צו לעבן.

---

*) נאָך אורי ניסן גנעסין.

**) בונעם טאָג, ווען זיין זון אורי איז געבאָרן געוואָרן, — פלעגט זאָגן ברענער צו זיינע חברים, — האָט ער געשלאָסן אַ בונד מיטן לעבן...

און ס'איז אים איצטער אַזוי גרינג.
פֿאַרשווונדן זענען אַל די שׂאָטנס . . .
ער שטיפֿט אַרום אָפֿט מיטן קינד —
אַ ציטעריקער, צאַרטער פֿאָטער —

אַזוי פֿאַרטריפֿן נייע טעג —
אין העלן שלום איינגעוויקלט;
און ס'דאַכט זיך אים: שוין קלאָר דער וועג
פֿון גאָר זיין קיום ווייטערדיקן.

ער ווערט אין „אֶרץ" איינגעפֿלאַנצט —
צוזאַמען מיט זיין קליין משפּחה;
זיין זיין, וואָס איז געווען ניט גאַנץ,
ווערט גאַנץ אַצינד און פֿול מיט ברכה.

זיין זיין אַ מאָרגן קריגט אַצינד,
און וועט זיך רינגלען אין די דורות;
און ס'וועט זיין קינד (און אורים קינד)
ניט טיילן מער זיין האַרבן גורל — — —

נאָר ס'פֿאָלגט אים נאָך אויך דאָ אין לאַנד
דער גורל זיינער — פֿול ענויים;
ער טוט אים נאָכגיין נאָכאַנאַנד
און — גיט קיין פֿרייד אים, גיט קיין רו אים.

ער פֿילט אים אָן מיט ספֿקות — פֿריש,
מיט גריבלערייען שפּאָגל־נייע:
ער רעדט זיך איין: עס איז אים זיס;
ער קנייפּט אין באַק זיך, יוסף חיים.

נאָר ס'איז ניט אמת: אויך אַדאָ
אים לאָזט ניט אָפּ דער פלוך פון גלות;
און ס'איז, ווייזט אויס, פאַר אים ניטאָ
קיין רעטונג מער פון אָ־דער קללה.

אָט איז ער מער ניט איינאַליין.
ניט עלנט מערער, ווי אַ דאָרן.
אָט האָט ער, ברענער, שוין אַ היים,
אַ טיש — פאַרשפּרייט, אַ בעט אַ קלאָרע.

און קומט ער פון דער גאַס צו זיך,
באַגעגנט אים אַ פרוי אַ ליבע;
אַ קינד — אַ שפּראָצל פון זיין דיך;
און — — העלער נאָך עס ווערט אין שטיבל.

נאָר ס'גייט אים עפּעס אַלץ ניט איין.
ער איז ניט קאָנטעט אויך אַצינדער.
אים טאָר, אפנים, גוט ניט זיין.
אים טאָר, מסתם, ניט ווערן גרינגער . . .

און ענג עס ווערט אים מיטן ווייב.
און גאָר די היים אַ טורמע ווערט אים.
אַ יעדע זאַך פונדאַן אים טרייבט.
די אָרדענונג, די רו עס שטערט אים.

ער טויג מסתם ניט פאַר קיין היים.
ער ראַמט זיך ניט אין רו אַריינעט . . .
ער מוז גאָר אפשר זיין אַליין —
באַהיט פון בייזן מזל זיינעם — — —

און חוץ מיט זיך און היים, איז ער
אויך מיטן ישוב אומצופרידן.
אָט איז ער שוין אויף אייגן ערד,
נאָר זעט אַדאָ די זעלבע יידן,

וואָס דאָרט, אין וויסטן אינדערפרעמד, —
מיט זייערע דעפעקטן האַרבע:
די איכרים, וואָס פרעמדע הענט
באַנוצן זיי פאַר זייער אַרבעט;

און לעבן „אויף דער ברייטער פוס",
פון יעדן אינהאַלט אויסגעליידיקט;
מיט זין און טעכטער — נישטיק, פוסט, —
וואָס „שניידן זיך" אויף דענדים, ליידים.

דער היגער פקיד־ביוראָקראַט,
וואָס טוט מיט וויניק זיך באַרימען,
וואָס פויקט פאַנאַנדער מינדסטע טאַט, —
אָן רויט־זוערן, אָן בושה־סימן.

די פועלים, וואָס פיל פון זיי
אין פוילקייט לעבן, — ווי אין גלות;
און יעדערער — מיט זיין פּאַרטיי:
נאָר ז י איז אמת, וואָרהייט גאָלע . . .

די היגע שמחות — לעבלאַך, בלייך,
דער גאָרער שטייגער פּנימלאָזער — —
וואָס האָט מען דאָ אַזוי דערגרייכט?
וואָס טוט מען פון זיך אַזוי בלאָזן?

וואָס איז מען אַזוי האָפּערדיק ?
וואָס איז מען אַזוי בגילופין ?
מע זעט אויך דאָ דעם גרויסן גליק.
מען הענגט אויך דאָ גאָר פֿיין אינלופֿטן.

קען זיין : דאָס לאַנד איז גאָר אַ טרוים.
קען זיין : קיין אויסוועג איז ניטאָ גאָר.
מע שטייט אויך דאָרטן ביי אַ תהום.
מע ווערט אויך דאָ אין אים געטראָגן — —

איז אפשר גאָר פֿאַרלאָזן אַליק,
אַנטלויפֿן ווו, אין אַלדי העקן
און זיצן דאָרט, פֿאַרסמט, פֿאַרגאַלט,
און אָט אַזוי — אין פֿיין — זיך עקן ? — —

נאָר טאָן אַזעלכעס וועט ער ניט.
ער וועט פֿונדאַן זיך ניט פֿאַרטרייבן.
דאָ לעבן, קען זיין, קאָן מען ניט.
אַדאָדערט אָבער מוז מען בלייבן.

אויב ניט אויף לעבן — שטאַרבן דאָ,
אויף אַ־דער ערד — אַנשלאָפֿן ווערן;
קיין אַנדער ערד עס איז ניטאָ
אונטער דער זון, אונטער די שטערן . . .

און ס'איז נאָך גאָרניט אַזוי שלים.
מע קען נאָך צו אַ תכלית קומען.
להכעיס אַליק, איז דאָ אַ זין
אין גאָרן היגן בוי־געטומל.

להכעיס אַליִן, איז — „יש ויש".*)
פאַראַן אויף וועמען אָנצוווייזן.
פאַראַן דאָ מענטשן — פלאַמיק־חיים.
פאַראַן דאָ יידן — שטאָל און אייזן.

די גאַרדאָנס, בוסעלם, טרומפּעלדאָרם.
אידעאַליסטן — ריין, קרישטאָליק.
געשטאַלטער פון אַ נייעם דור.
משיחים פון אַ נייעם גליל.

און אָט צו זיי ער דאַרף אַוועק.
אין סוד פון אַרבעט זיך דערקענען . . .
אין אויסלייגן אַוו אַ וועג.
אין אָפּהיטן אַוו אַ גרענעץ.

אין אויפברעכן אַ נייע ערד.
אין אויפשטעלן אַ דאָרף אַ נייעם. —
אַזוי אַרום וועט ברענער, ער,
פון גאָר זיין שווערמוט זיך באַפרייען.

בפרט אַצינד, ווען אויפדאָסניי
ער איז אַליין, אָן דער משפחה.
עס האָט זיין פרוי געלאָזט אים פריי,
דעם בונד מיט אים האָט אָפּגעבראָכן;

דעם זון פאַרנומען און אַוועק
אינוווייט אַוו — אויף מער ניט קומען;
און גאָר דאָס גליק האָט זיך געעקט,
און גאָר די שמחה איז פאַרשווומען.

---

*) יש ויש — ברענערס אַן אָפטער אויסדרוק.

די הײם — פֿאַרזען, פֿאַרנאַכלעסיקט.
און אױבעט ער — פֿאַרלאָזט, פֿאַריתומט.
ער גײט אַרומעט מיט אַ בליק,
װי טאָג נאָך שקיעה, — אױסגעלאָשן.

ער גײט אַרום באַנײַם אָן רו,
ער גײט אַרום באַנײַם אָן שלום;
איז הערט ער איצטער שאַרף דעם רוף
פֿון דאָרט — פֿון קבוצות אינעם גליל . . .

פֿאַרנעמט ער אַלעם פֿונדערהײם:
דאָס ביסל מעבל, קלײדער, כלים
און טראָגט עס אָפּ אַלץ אײנאַלײן
צו נאָנטע מענטשן — נײַע עולים,

געקומען אָקאָרשט פֿונדערפֿרעמד
אַהער אין לאַנד — אױף זיך באַזעצן;
און ס'פֿעלט זײ אױס אַ טאָפּ, אַ העמד,
אַ שטול — אַ קינד אױף דעם אױפֿזעצן.

ער, יוסף חײם, גערן איז
זײַן גאָר פֿאַרמעגן אָפּצוגעבן;
ער װעט די שטאָט פֿאַרלאָזן איצט,
דאָס שטאָטישע צעפֿויקטע לעבן . . .

ער װעט אַװעק אין גליל — גרין,
צו אײנפֿאַנגען, צו שטילן כוחות, —
געפֿינען דאָרט אַ נײַעם זין,
געפֿינען דאָרט אַ נײַעם תּוכן — —

און אַט איז ער אין גליל שוין,
מיט גדודניקעס, — געזונט און פּשוט; *)
און מער ער איז ניט איינאַליין,
און מער ער שפּירט זיך ניט פאַריתומט.

ער אַרבעט דאָ, ער לעזט, ער שרייבט
און איז אַ לערער, אַ דערציער;
און ווערט געשעצט, און ליבע קלייבט
פון די חלוצים — פּראָסטע מיער.

„נאַש ברענער" — רופן אים מיט שטאָלץ
די רוסיש־ריידער, די קרימטשאַקעס;
געשמאַק איז אים פון טאָג דער עול,
און רו פון אָוונט איז געשמאַק אים.

ער איז אין פרידן דאָ מיט זיך,
און מיט די פריינט, וואָס אים באַרינגלען;
ער טריפט אַריינעט פונקען ליכט
אין זייער הי אין דער ניט־גרינגער.

ער מוטיקט מיט זיין ערלאַך וואָרט.
ער איז אַ שטאַרקונג, איז אַ שטיצע.
נאָך ניט פאַרלאָרן איז דער דור.
ס'איז נאָך ניט „כלו כל הקיצים" — —

אַזוי פאַרגייען פרישע טעג.
אַזוי־אָ — וואָכן און חדשים.
ער איז מיט אַלץ דאָ אָנגערעגט,
מיט יעדן אויפטו אָנגעגאָסן.

---

*) גדודניקעס — חברים פון אַרבעט־לאַגער „גדוד העבודה", וואָס האָט זיך דאַן געפונען לעבן טבריה.

און אָנטייל נעמט אין יעדער פרייד,
און אָנטייל נעמט אין יעדן יום טוב
(מיט פלאַמיקע אמונה־רייד,
מיט טענץ און לידער היים צעשטראָמטע).

אָט שטעלט מען אַ באַראַק דאָ אויף —
אַ „דירה" פאַר חברים היגע;
איז זינגט מען, טאַנצט מען אין אַ רייף
און אויך ער, ברענער, טאַנצט און ניגונט.

אָט ווערט אין גדוד אַדורכגעפירט
אַ חתונה — חלוציש־רווישיק;
אַ טוך, פאַרשפּרייט אויף ביקסן פיר,
די חופּה איז, — אין פרייעם דרויסן.

און יוסף חיים, אויפגעהעלט, —
ער איז מסדר די קידושין;
און עולם לאָזט זיך דאָ, אין פעלד,
אַ הוראַ טאַנצן, — אויף חידושים.

און אויבעט ער אין הוראַ־קראַנץ
אַלץ היציקער, אַלץ ראַשער דרייט זיך;
און אַלץ אַרום חלוציש טאַנצט,
און אַלץ אַרום חלוציש פרייט זיך — —

נאָר לאַנג פאַרווילן אינעם גדוד
אין גלילשן ער, ברענער, טוט ניט.
אים איז דאָ גוט און — דאָך ניט גוט.
ער האָט דאָ רו און — דאָך ער רוט ניט.

זיין אַלטער אומרו זיך צעברויזט
און — הויבט פון אָרט אים, טרייבט אים ווידער;
און אָטאָ לאָזט ער זיך אַרויס
אויף פרישן וואַנדער — אַזאַ מידער . . .

פון אַלץ. פון גאָרן לעבן זיין.
פון די חדרים און ישיבות.
פון טורמע־און קאַזאַרמע־פּיין.
פון קרייזלאַך־און פּאַרטיי־מסיבות.

פון וויסטער מורא אינדערפרעמד
(פאַר גוי־רוצח און פּאָגראָמען).
פון פילן זיך אויך דאָ אין קלעם.
פון גיין אויך דאָ ווי איבער תהומען.

פון שאַפן זיינעם, פון זיין וואָרט,
וואָס קען אַלץ ניט זיין נאַכט באַזונען.
פון טראָגן זיך פון אָרט צו אָרט,
מיט ביטערנישן אָנגעברונעמט.

פון טראָגן זיך — צו וועלכן אָרט?
צו וועלכן ברעג? צו וועלכן מאָרגן?
דאָס איז דאָך אַלץ אַ פּרוזדור נאָר! . . .
דער טרקלין איז דאָך אַלץ פאַרבאָרגן! . . .*)

נאָר זיך באַווייזן וועט ער ווען,
צעעפענען פאַר אים די טירן — —
און ביז דער וונדער וועט געשען,
ער, ברענער, דאַרף זיך ווייטער פירן — —

*) ברענער האָט אַלץ געוואַרט אויף עפּעס אַ „טרקלין“, ווו ער וועט, סוף־כל־סוף, געפינען רו...

איז וואַנדערט ער איבערן לאַנד
(מוט אויך אַדאָ די „סטאַנציעס" בייטן);
און ווו ער קומט — לייגט צו אַ האַנט,
און העלפט מיט ווערטער — אויפגעהייטערט.

אָט איז ער צווישן פּועלים
אין פּתח תקוה דער קאָלאָניע.
ער רעדט פאַר זיי מיט מוט אין שטים.
מיט מונטערקייט ער גיסט זיי אָנעט.

און אָט איז ער אין אַלטער שטאָט,
אין הייליקער, — ירושלים.
אַ ווינטער־נאַכט. אַ ווינט זיך טראָגט
דורך גאַסן — ליידיק און אָן פייער.

אַ רעגן גיסט. אַ קרירה גליט.
און שפעט עס איז. און כמאַריק־פינצטער.
און ברענער, ער, מיט מידע טריט, —
ער זוכט אַרום וואָס אינדערפינצטער:

צי איז ניט אָפן ווו אַ קלייט,
צי איז ניט אָפן ווו אַ קרעמל
(פון „סטאַנציע" זיינער היגער גייט —
צו קויפן איצט, אין נאַכט, אַ לעמאָן;

אַ לעמאָן פאַר אַ קראַנקן זון
פון ווירטין זיינער — יוסף חיימס;
ס'עט אפשר זיין אים צו געזונט,
ס'עט אפשר עטוואָס אים אָטכאַיען . . .) — — —

אַזוי פֿאַרשווינדט אַזוי די צייט.
אַזוי ער, ברענער, בייט די „סטאַנציעס" — —
ביז גרין און זוניק זיך צעשיינט
דער פֿרילינג ניינצן איין און צוואַנציק.

דער לעצטער פֿרילינג פֿון זיין זיין.
דער לעצטער פֿרילינג פֿון זיין לעבן.
ער, יוסף חיים, איז אַריין
אין פֿערציק איינסטן יאָר פֿון לעבן.

ער איז נאָך יונג און — שוין ווי אַלט.
און זאַט אַזוי — מיט אַלץ, מיט אַלעם.
און אויסגעטאָן ער איז פֿון אַלץ
(און ערב שליסן לעצטן שלום).

אַ וואָרער פּרוש — אָפּגעשיידט
פֿון יעדער גאַרונג, יעדער גלוסטונג;
פֿון יעדער נאַריש־פּוסטער פֿרייד . . .
פֿון יעדן תענוג נאַריש־פּוסטן . . .

און אָפּגעלאָזט אַצינד איז ער —
אַ קיינמאָל נאָך צעאַקערט באָדן;
דער קאָפּ — אין קודלעס, הויך און שווער,
דאָס פּנים — מיט אַ באָרד באַלאָדן.

דאָס אָנטאָן — אַלט און ווי אַ זאַק,
און פֿון די יאָרן — גרין און צוויטיק;
און עסן — אַלץ, אַבי זיין זאַט;
און שלאָף — אינגאַנצן שוין ניט נויטיק.

דערפֿאַר דער בליק — ווי קלאָר, ווי העל,
און ליבע־פֿול, — צו אַלע מענטשן;
ער, ברענער, — אויפֿן „טרקלין״־שוועל, —
ער קוועלט מיט גוטסקייט און מיט בענטשונג.

ער וווינט אַצינד אין יפֿו — ווייט,
אין ענגער שכנות מיט אַראַבער;
און אויך פֿאַר זיי פֿאַרמאָגט ער צייט,
און אויך צו זיי ער פֿילט נאָר אהבה;

הגם — פֿון ענגלאַנד אָנגערייצט —
זיי פֿאַלן אָן אָפֿט אויפֿן ישוב;
און יידיש בלוט אויך דאָ עס פֿליִיצט;
ווי דאָרט, אין גלות, טוט זיך גיסן . . .

נאָר שטאַרקער אַלץ דער ישוב ווערט.
עס קומען צו אַלץ נייע קרעפֿטן.
און זיין ווערט י י ד י ש היגע ערד.
מיט פֿאָלק אויף אייביק אין באַהעפֿטונג . . .

און די קרבנות — ניט אומזיסט.
זיי לערנען עפּעס די, וואָס בלייבן.
זיי שטעלן פֿעסט זיי אויף די פֿיס
און צו אַ מאָרגן — זיכער — טרייבן. —

אַזוי פֿאַרטריפֿן לעצטע טעג
פֿון לעבן זיינעם קורצן, ברענערס;
אין ווייטןווינקל, אינעם העק,
צעווישן שכנים, וועלכע ברענען

מיט חיה־לוסט נאָך מענטשן־בלוט,
מיט גיר מיט הייסער נאָך רציחה.
נאָר ברענערן — אים איז דאָ גוט.
און ווינען דאָ עס איז אים ניחא.

קיין שום סכנה זעט ער ניט.
קיין שום געפאַר ער טוט ניט אַנען.
דאָס אָרט, עס „רעדט" צו זיין געמיט.
און ניט אַוועק ער וועט פון דאַנען.

אָט לויטערט איינער אַ פאַרנאַכט.
ס'איז ערב יום טוב — מאַי דעם ערשטן.
ער, יוסף חיים, שטייט פאַרטראַכט
ביי זיך אין צימער, — ביי דעם פענצטער:

פּרדסים גרינען רונדאַרום.
און אַרום זיי — צעגרינטע פעלדער.
און טאָלן — בליאיק און צעבלומט.
און בליענדיקע יונגע וועלדער.

און בערג זיך נעפּלען אינדערווייט.
און איבער אַלץ עס בלויט אַ הימל.
און איבער אַלץ אַ זון עס שיינט.
און גאָלדיקט אויס אַ יעדן בלימל.

און ליכטיקט אויס אַ יעדן בוים.
און הילט אין ליכט איין יעדן גרעזל.
ער, יוסף חיים, שטייט פאַרטרוימט
און — מיט גענאָד איז פול זיין וועזן.

און מיט גענאָד זיין בליק עס העלט.
מיט איבערבעטונג און פאַרגעבן.
ער בענטשט אַצינדער גאָר די וועלט.
ער בענטשט אַצינדער גאָר דאָס לעבן — —

נאָר צווייטער טאָג (דער ערשטער מאַי
פון ניינצן הונדערט איין און צוואַנציק) —
ער קומט מיט מערדערס ווילדן שריי,
ער קומט מיט האַק און מעסער — גלאַנציק.

ער קומט מיט אָנפאַל אויף „יאַהוד"
(אין יפו־געסלאַך קרומע, ענגע);
און אָטאָ פליסט שוין יידיש בלוט —
פון מענער, פרויען, — אַלטע, יונגע.

און אויך צו אים, אין ווייטן העק,
מיט גיר נאָך מאָרד עס קומען קוילער;
באַקרייזן אים מיט בלאַנקע העק,
באַרינגלען אים מיט ווילדע קולות.

און אָטאָ ליגט ער שוין און צאַנקט
אין בלוט אין אייגן — רויט און קלעפיק — —
נאָר אויגן זיינע, אין געצאַנק,
נאָך בליקן ווו, נאָך זעען עפעס.

וואָס זעט ער, יוסף חיים, דאַן,
אין יענע לעצטע גרויל־מינוטן:
זיין גאָרן לעבן, נ אָ כ אַ נ אַ נ ד
וואָס האָט געוונדיקט, האָט געבלוטיקט?

זיין אורי'לען, דעם ליבן זון, —
פֿאַרוואָגלט ווו, אויף ווייטע וועגן,
וואָס צוליב אים אַ שלום־בונד
געשלאָסן האָט ער מיטן לעבן?

און אפשר זעט ער ציון־ערד —
אַ פרייע שוין פון פרעמדע עולן;
און עולים־שטראָם פון גאָר דער ערד;
און וואָר עס איז גאולה־חלום? — —

ער ליגט און בליקט אַלץ; ביז זיין בליק —
ער ווערט פֿאַרשטאַרט, ער ווערט פֿאַרגלייזיקט — — —
און לעצטער פרידן אים פֿאַרוויגט — —
און ס'קומט זיין סאַמע לעצטע רייזע.

ס'איז דריטער מאַי — לוויה־טאָג.
מע פירט צו קבורה די קרבנות.
פון יעדער גאַס, פון יעדן ראָג
מלווים נייע קומען אָנעט.

דער טאָג איז העל, נאָר דאַכט זיך שוואַרץ.
די וועלט איז גרין, נאָר דאַכט זיך נאַקעט.
און ס'גליט מיט פיין אַ יעדעם האַרץ.
און יעדע זעל מיט צאָרן פלאַקערט.

נאָר איינגעהאַלטן עולם גייט
(מיט זאַלץ פון טרערן אין די אויגן);
עס ציט זיך לאַנג די קדושים־קייט;
מע טראָגט זיי אַלע איינגעבויגן.

בִּיז ווייטן זאַמד, בִּיז היילִיק פֿעלד,
ווּ רידלען גראָבן אין דער ערד שוין.
אַדאָ, אין טאָג, מיט זון באַהעלט,
מ'ין לאָזט אַראָפּ זיי, — צוויי און פֿערציק.

און אויבעט אים מע לאָזט אַראָפּ
אין בּלינדער גרוב — אין סאַמע מיטן;
און ערד זיך שיט שוין אויף זיין קאָפּ,
און — נעמט א י נ ג אַ נ צ ן אים פֿאַרשיטן — — — —
— — — — — — — — — — — —
נו, אָטאָ האַלט איך שוין בּיים סוף.
מע גייט אַהיים שוין פֿון דער קבורה — — — —
— — — — — — — — — — — —
נאָר ס'איז קיין סוף — אויך איצט, אין שלאָף,
ער, יוסף חיים, וועקט און שטורעמט — — — —

ענצאָ סערעני

אם ברצוננו לחיות, עלינו להיות מוכנים למות ולהמית, לצאת אל מול הסכנה האורבת ומאימת לשטוף את כל עולם התרבות ואותנו כאחד. — **ע. ס.**

דו פרעגסט מיך: ווו רוט ער, סערעני?
ווו שלאָפֿט ער — אין קבֿר, אין חושך?
— דורך יאָרן אין נאַצי־גיהנום,
אין שלונגען פֿון אויוונס פֿון גרויסע,

געברענט האָט אַ פֿייער, — געבראָטן
מיליאָנען פֿאַרפּייניקטע יידן.
די אַש האָט זיך אונטן געשאָטן,
דער רויך האָט צו אויבן געטריבן

(דורך הוילן דורך לאַנגע פֿון קוימענס)
די לעצטע פֿאַרשטיקטע נשימות;
צעזייט זיי אין רחבֿות פֿון רוימען,
צעוויט זיי אין טיפֿן פֿון הימל.

און ענצאָ סערעני, פֿאַרקלאַמערט
אין נעגל פֿון ברוינע משחיתים, —
אויך ער האָט געברענט אין די פֿלאַמען
און — אַש איז געוואָרן אַביסל,

און רויך איז געוואָרן; אַרויסעט
דורך אויסהויל פֿון קוימען פֿון לאַנגן
אין פֿרייען, אין ברייטן אינדרויסן
און אויבן, אין הימל, — צעגאַנגען — — —

נאָר אויב פֿון זיין שטאַרביקן חומר
עס איז ניט געבליבן קיין זכר —
עס לעבן: זיין זעל, זיינע טרוימען
(אין ווערטער אין קלאָרע פֿאַרצייכנט),

עס לעבן די אויפּטועך זיינע;
זיי לעבן — אויף שטענדיק, אויף שטענדיק
און שפּינען פון זוניקע שיינען
אַן ענצאָ סערעני־לעגענדע.

אַ העלע לעגענדע. אָט וועל איך
פאַר דיר דאָ, מיין לעזער, אויסדיכטן
זיין לעבן זיין קורצן זיין העלן,
זיין קורצע צעזונטע געשיכטע.

איטאַליע — זיין ליכטיקע וויגל,
זיין הימלאַנד — אין אָרעמס פון זומער;
די הימלען — אַ טיף בלויער שפּיגל,
די ערדן — אין גרינסן, אין בלומען.

די דערפער — אויף הייכן צעשיינטע,
אין זוניק צעלויכטענע טאָלן;
מיט דופטן מיט דינע פון וויינטרויב,
פון אָראַנדזש — מיט זאַפט אָנגעקוואָלן.

די שטעט, מיט די גאַסן צעשטראַלטע,
מיט סעדער, בולוואַרן, — צעפינקלט;
מיט קלויסטערס, פּאַלאַצן גאָר אַלטע;
מיט שיינקייט אין יעטווידן ווינקל.

אַ רייציק צעשפּרייטע מדינה —
פאַר זיסע גענוסן באַשאַפן;
אַ לאַנד, ווו געזאַנגען עס רינען
פון צפון ביז דרומשע האַפנס.

אַ לאַנד, וווּ חלומות עס בליִען
אויף וועגן אויף אַלע — צעוויקלט.
און אַלע די וועגן — זיי ציִען
און ברענגען אין רוים אין אַנטיקן.

אָ, רוים! האָסט אַמאָל מיינע ייִדעס —
אין גליל, יהודה, — באַצוואונגען;
מיט חורבן די ערדן פאַרזייט דאָרט,
מיט מדבר — דורך שווערד און דורך הונגער.

פאַרוויסט ווי אַ דאָרף אַ צעבליטער.
מיין ירושלים פאַרטיליקט.
די קינדער די צאַרטע פאַרשניטן,
די מאַמעס, די זקנים די שטילע.

און רעשטן פון אומה פון מיינער
פאַרנומען מיט זיך איבער ימען;
געשיקט זיי אויף אימהקע פיינען
אין מיט פון אַרענעס פון גראַמע.

געוואָרפן צו לייבישע נעגל,
צו פיסקעס צו חיהשע — שוימיק, —
צום ווילדן געהויל פון דיין פעבל,
צום יובל פון דיינע המונים — —

נאָר איצטער, צוויי טויזנט יאָר שפּעטער,
ביסט ווייט שוין פון ווילדקייט פון יענער;
ביסט, רוים, מיט קולטור שוין געזעטיקט
און מענטשיש דו פירסט זיך, און שענער

דו נעמסט אויף אַ יעטווידן נפש —
צו דיר, אין דיין גבול דאָ, געקומען;
און פריינטלאַך דיין טיר איז צעעפנט
פאַר זין פון מיין אוראַלטער אומה.

ניט פיל זענען זיי, מיינע ברידער, —
צעשפּרייט אין דיין העלער מדינה;
נאָר ווייל דאָ עס לעבט זיך די יידן,
באַרוט זייער זיין דאָ זיי שפּינען.

אָט בירגערט ביי דיר אַ משפּחה
פון אַלטן, הויך־יידישן יחוס, —
איז בליט אין איר לעבן די ברכה,
געדייט זי אין זעט און אין זיכער.

דער טאַטע — זיין נאָמען איז שמואל —
אַ דאָקטער ער איז דאָ ביים קיסר;
געאיידלט — אין האַלטונג, אין שמועס;
און אַרבעט און פאָרשונג ער ווייס נאָר.

די מאַמע — אַלפאָנסאָ איר נאָמען —
פירט אָן מיטן הויז מיטן גאָרן;
אַ טעטיק צעברויזטע נשמה;
און קלוג, מיט אַ קאָפּ מיט אַ קלאָרן.

און קינדער עס זענען פאַראַנען:
דריי יינגלאַך, אַ מיידל, — געראָטן,
וואָס לעבן האַרמאָניש, צוזאַמען,
און מעלות געמיינזאַמע האָט'ן.

די ייִנגלאַך, באַרוישט מיט יצירה, —
פֿון יאָרן פֿון פֿריסטע, — זיי דיכטן:
אי פּראָזע, אי דראַמע, אי שירה,
פֿון געטאָ פֿון רוימער — געשיכטעס;

פֿון געטאָ פֿון אייגענעם, אַלטן,
ווו אויסקום ווו יידישער — אָרעם,
ווו געסלאַך — אין שאָטן געהאַלטן
און היימען — אין חושך פֿון קברים;

און פּנימער — הונגעריק, בלאָטיק,
און לייבער — געוויקלט אין שמאַטעס,
און מיסט — אומעטום אָנגעשאָטן,
און פֿליגן — צעזשומט און צעפּלאַטערט.

פֿאַראַן נאָך אין רוים אַזאַ געטאָ
(אין אָנהייב פֿון אונזער יאָרהונדערט),
ווו יידן — זיי זעען קיין רעטונג
פֿון ענגשאַפֿט און נאַקעט און הונגער.

נאָר ביי די סערענים מע ווייס ניט
פֿון שווערן, פֿון שאַנדיקן דלות:
דער פֿאָטער, דער דאָקטער ביים קיסר, —
באַזאָרגן ער טוט זיי מיט אַלעם.

פֿון געטאָ זיי זענען דערווייטערט —
שוין יאָרן אַ פֿולע דערינען;
מען אָטעמט מיט היינטיקע צייטן,
צו פּראָגרעס מע טוט אַלע דינען.

די הײם איז געראַמיק און ליכטיק,
מיט מעבל מיט רײַכער באַשטעלט איז;
אין װינקל אין יעדן איז ציכטיק,
און נאַרונג, און קלײדונג, — עס פעלט ניט.

און ניט נאָר פון גופישע פרײדן
זײ, אַלע סערענים, געניסן;
זײ זעען זיך אין אַ גן עדן —
באַרינגלט מיט בײמער פון װיסן.

עס שטײען דאָ בײַכיקע שאַפעס
מיט ביכער — אויף אַלע געביטן;
אויף שפּראַכן — פאַרשײדן — געשאַפן;
און מער נאָך — אויף לשון צעבליטן

פון דאַנטע, פעטראַרקאַ, באָקאַטשיאָ,
װאָס גאָלדיקט און זילבערט מעלאָדיש,
װאָס רײציקט און צױבערט מיט גראַציע
און — איז אויך מיט פײער געלאָדן;

מיט פײער פון זוניקן דרום,
מיט באָדן מיט זאַפטיקן יענעם,
אין װעלכן שוין הונדערטער יאָרן
זײ װאָרצלען, די רײַכע סערענים.

און לויטער עס פליסט זײער לעבן —
אין רחבות, אין פרײקײט, אין שפע;
אין שײנעם, אין גײסטיקן שטרעבן, —
פאַר העכסטע דערגרײכן צעעפנט.

און קלינגען עס טוט זייער נאָמען
אין פֿיינסטע, אין נאָבלסטע ספֿערן;
און רוימער פֿאָרנעמסטע פּערזאָנען
מיט אָ־די סערענים פֿאַרקערן.

און יידן פֿון רוימער קהילה
מיט אָ־דער משפּחה זיך בענטשן :
מיט שמואל, אַלפֿאָנסאָ, עמיליאָ,
מיט לאה, ענריקאָ און ענצאָ.

דער ענצאָ. דער דריטער פֿון קינדער.
אַ יינגל אַ קורצער — עלפּיאָריק.
אַ קליינער, פֿאַרחלומטער יינגל, —
פֿאַרטראָגן אין ספֿערן פֿון ספֿרים.

פֿאַרנומען מיט אייגענעם שאַפֿן :
ראָמאַנען און לידער און פּיעסן;
טוט אָפֿט מיט דער מוזע זיך שאַפֿן,
פֿאַרגעסט אָפֿט אָן שלאָפֿן, אָן עסן.

און שרייבט אויך אַ טאָגבוך — פֿאַרצייכנט
פֿון זיך און אַרומיקע קרייזן;
און חלומט פֿון הייכע דערגרייכן,
און וויל זיך מיט גרויסקייט באַווייזן.

אַ יינגל — ראָמאַנטיש און ברעניק,
פֿול קלוגע, צעבליצטע געדאַנקען;
אַ יונגער, פֿאַרטרוימטער סערעני,
פֿול צאַרטע, צעבלומטע פֿאַרלאַנגען.

אַ ייִנגל אַ בּיז גאָר געראָטן —
באַשאָנקען מיט נייגער מיט הייסן;
מיט אַלעם אַרום זיך ער אָטעמט,
און אַלץ — פאַר זיין טאָגבוך אַן עסק.

דער פאָטער דער איידעלער, שטילער,
די מוטער די טעטיק צעבּרויזטע,
אַן אָנקל (דער ראש פון קהילה),
אַ זיידע — פול אויפטועך גרויסע.

די שוועסטער די איינציקע — ערנסט,
די ברידער — מיט שרייבן פאַרנומען;
און פּנימער, און כאַראַקטערן
פון אַנדערע קרובים אַרום אים.

און אָט זענען פרויען, און ליבע
(צו עלף יאָר ער טרוימט שוין פון דעם־אָ;
און ס׳וועלן אין טאָגבוך פאַרשריבן
פון פריינדינס פאַרערטע די נעמען).

און אָט אַ מלחמה עס שטורעמט:
דער וועלטקריג דער ערשטער — שוין יאָרן;
און ענצאָ — אים פּיינען יסורים:
אַ מענטשהייט פון אומקום און קברים . . .

און ענצאָ — ער איז פּאַטריאָטיש:
זאָל לעבן זיין היימלאַנד — איטאַליע!
און רייסט זיך דעם שונא אויסראָטן —
מיט חושך געדיכטן צעכוואַליעט.

און אַנדערע פראַגן פאַרנעמען
זיין זינען, זיין וועזן זיין גאָרן;
ער, ענצאָ, — ער וויל אַלץ באַנעמען,
ער, ענצאָ, — ער גאַרט אַלץ אויסקלאָרן.

אַזוי־אָ פאַרטריפן מעתלעתן,
אַזוי־אָ מאָנאַטן פאַרגייען;
ער איז אַלץ פאַרנומען מיט לעזן,
מיט טרוימען, מיט שרייבערשע ווייען . . .

און גייט אין גימנאַזיע. נעמט אויסעט
ביי לערער, ביי שילער ביי אַלע:
מיט וויסן מיט זיינעם מיט גרויסן,
מיט מוח מיט זיינעם צעקוואַליקט.

און טוט דאָ חברים באַווירקן,
און איז דאָ אַ מדריך, אַ פירער;
מיט שמועסן ערנסטע פירט אָן,
טוט שאַרף זיי פאַראינטערעסירן

מיט קונסט, פּאָליטיק, פילאָסאָפיע,
מיט אַנדערע גייסטיקע ספערן;
און אַלעמענס אויערן אָפן,
און אַלע, געשפּאַנטע, אים הערן.

ער, ענצאָ, — אַ גוטער אָראַטאָר
(מיט קלוגע, מיט שאַרפע באַווייזן);
איז פירט ער דעבאַטן — צעפלאַטערט
(מיט לאָגיק מיט פעסטער, ווי אייזן).

און אַלע חברים אים אַכטן.
און איינע אַ פריינדין פאַרערט אים.
די עדה. אַ שילערין — פּראַקטיק.
און דאַכט זיך: "זי ווערט זיין באַשערטע.

ער גייט שוין אַרום מיט דער עדה'ן.
ער קען שוין אָן עדה'ן ניט לעבן.
און פון זייער ליבע דער פאָדעם —
ער נעמט זיך גאָר האַרציק אויסוועבן — —

דערווייל איז אַן ענדע געקומען
צו שחיטה גלאָבאַלער צו ערשטער;
די שטרענגע האַרמאַטן שוין שטומען
און פרידן איז איצטער דער הערשער.

נאָר רואיק עס איז ניט געוואָרן.
די וועלט איז לחלוטין צעטרייסלט.
אין רוסלאַנד, פול אויפברויז און צאָרן,
עס וויכערט אַן אויפשטאַנד אַ הייסער.

אין דייטשלאַנד — אויך דאָרט איז צעברויזיקט.
אין עסטרייך. אין אַנדערע לענדער.
די מענטשן, פאַרמערדערט, פאַרגרויזאַמט, —
זיי פלייצן מיט פרישער פאַרלענדונג.

און דאָ, אין איטאַליע, אַ נעראָ
אַ נייער עס האָט זיך באַוויזן;
געמאָלדן אַ פונק־נייע ערע —
די ערע פון שוואַרצן פאַשיזם.

זיין נאָמען עס איז מוסאָליני.
אַ צעזאַר אַ פרישער — גרויס־מוויליק;
און פּלעצער און רוימער — זיי כלינען
מיט וויוואַ איל דוטשע־געהוילן.

און פול איז די שטאָט ביי דעם טיבער
מיט וואַלד און מיט ווילדער הפקרות;
און גאַסן — זיי פליסן אַריבער
מיט רויב און מיט מאָרד און מיט מורא.

און ענצאָ, אַ יינגל, — צעפלאַמיקט, —
פאַרכאַפּט איז פון שוואַרצן געשטורעם
און — רודערט מיט אַלע צוזאַמען,
און — חלומט פון „הערלאַכע גבורות".

און אָטאָ ער לאָזט זיך באַזוכן
אַ ראש פון דער שוואַרצער מהומה:
אַ שרייבער — פאַשיסטיש צעדוכנט:
ד'אַנונציאָ'ן — דעם „העלד פון פיומע".

און גנעדיק דער „געטלאַכער" מייסטער
נעמט אויף אים, דעם פּרעניקן יינגל;
און ענצאָ — ער ברויזט מיט באַגייסטער,
און ענצאָ — צעשיינט און צעפינקלט.

און פרישע מעת־לעתן אַזוי־אָ —
„אין שטרייטן אין שווערע" — פאַרוויילן;
און וואָכן און נייע אַזוי־אָ —
„אין גבורות אין גרויסע" — פאַרגייען — — —

מעת־לעתן און וואָכן. צעשווימיקט.
באַרווישט מיט דער „נייער איטאַליע".
באַטרונקען מיט ליכטיקע טרוימען.
פאַרגאָסן מיט הייסער התפעלות.

נאָר מיט אַלע טרוימען די פיינע,
מיט אַלע די „גבורות" און „זיגן",
אים, ענצאָן, עס נאָגט וואָס, עס פייניקט,
ער, ענצאָ, — ער איז ניט צופרידן.

אָט שוועבט ער פון יאָרן פון פריסטע
אין וועלטן אין פרעמדע אַרומעט;
אין פרעמדע קולטורן ער מישט זיך,
ער מישט זיך אין פרעמדע מהומות . . .

און ס'טוען בכלל אים באַווירקן
געדאַנקען, אידייען, — פאַרשיידן;
מיט העמדלאַך מיט שוואַרצע ער פירט זיך
און — טרוימט אויך פון ר ז י ט ן גן עדן.

עס רייצט אים פון מאַרקסן די לערע
און — ס'איז דעמאָקראַטיע אים טייער;
ער רייסט זיך אין שטרייטן אין שווערע
און — מיט פאַציפיזם ער פייערט.

אַ יינגל פון דרייצן, פון פערצן, —
איז קלייבט ער זיך קנאַפּ נאָך פאַנאַנדער.
פון ריכטונג צו ריכטונג ער קערט זיך.
פון דרך צו דרך ער וואַנדערט . . .

און ס'רודערט זיין קאָפּ מיט פּראָגראַמען.
און ס'טומלט זיין מוח מיט לערעס.
און אַלע זיך מישן צוזאַמען.
און ז י ך צו געפינען — אים שווער איז . . .

נאָר דורך די אידייען — פאַרשיידן,
דורך אַלע די לערעס און פּלענער
אַ שטים נעמט אַ מאָנענדע ריידן
צו אים — צו דעם יונגן סערעני.

די שטים פון זיין אייגענער אומה,
וואָס איז אים גאָר קנאַפּ אָנגעגאַנגען,
זיין זינען גאָר ווייניק פאַרנומען,
צום האַרצן אים ווינציק דערגאַנגען.

ס'איז אמת: דער גורל פון יידן
גאָר פרי נאָך, צו צוועלף יאָר, אים אַרט שוין;
זיי ווערן, די יידן, געטריבן, —
ער רעדט זיך אַראָפּעט פון האַרצן.

זיי ווערן, די יידן, געקוילעט, —
פאַרשרייבט ער אין זיינע רשימות;
פאַרוואָס אַזאַ גורל? פאַרהוילן
פון אים איז, פון ענצאָן, די סיבה . . .

און נאָכדעם, ווען דרייצן געוואָרן,
בעת זיין בר מצוה, האָט פרום ער
אין טאָגבוך אין זיינעם געשוואָרן
צו טריי־זיין זיין אייגענער אומה.

נאָר, קענטיק, די ווערטער אָ־דיי־אָ, —
זײַ זענען געווען — בלויז ווערטער.
ווײַל ווידער ער, ענצאָ, טוט פליען
אין פרעמדע, אין גויישע וועלטן.

ווײַל ווידער ער פלאַטערט אַרומעט
אין ספערן פון פרעמדע קולטורן;
און מישט זיך אין פרעמדע מהומות,
און חלומט פון גויישע גבורות . . .

אַצינד אָבער טוט ער זיך נעמען
גאָר ערנסט זײַן אומה באַקלערן:
וואָס ווייס ער פון יידן, סערעני?
איז ווייס ער אַ ברעקל — ניט מערער . . .

זײַן היים איז פונלאַנגשוין אַ פרייע,
פון לעבן בײַ יידן דערווייטערט;
מע דינט דאָ צו געטער צו נייע,
מע דינט דאָ צו היינטיקע צייטן.

מען איז איטאַליענער — מיט לשון,
מיט פירונג, מיט לעבן מיט גאַנצן;
און ייד איז כמעט אויסגעלאָשן;
אַ שול בלויז אַ הוילע — צעגלאַנציקט . . .

אַ פאָר צערעמאָניעס קאַלטע.
אַ יום טוב אַמאָל דאָרט — אַ בלייכער.
אַ הייפל דערמאָנונגען אַלטע.
פון ציון — פאַרנעפלט — אַ זכר . . .

אַ שטוב, ווי פיל אַנדערע שטיבער
פון יידישער היגער קהילה;
אַ הויז, וווּ די זעט פליסט אַריבער
אין ווינקלען אין אַלע אין שטילע.

אַ הויז — בורזשואַזנע צופרידן.
אַ לעבן — פאַרוואָרצלט און זיכער.
און בלויז רעליגיעז איז מען יידן.
און יידן — פון הויך־אַלטן יחוס.

אַדאָ איז ער, ענצאָ, געוואַקסן.
אַדאָ איז זיין קינדהייט פאַרגאַנגען.
מיט פירונג מיט פרעמדער באַוואַקסן.
פון פרעמדע קולטורן געפאַנגען — —

נאָר איצטער ער נעמט זיך צעוועקן,
נאָר איצטער ער בליקט זיך אַרומעט:
די וועלט ברויזט אויף אַלע פיר עקן,
עס וואַכט אויף אַ יעטווידע אומה.

און רייסט זיך צו ווערן זעלבסטשטענדיק,
פאַרשטאַמיקט אין אייגענע ערדן;
ניט זיין מער אין שליטה פון פרעמדע,
ניט ווערן פון פרעמדע געמערדערט.

און יידן פאַרוואָס זאָלן שקלאַפן —
אויף כדור אויף גאָרן צעשאָטן;
אָן אייגענעם באָדן און האַפן,
אָן אייגענעם זונשיין און שאָטן? . . .

און דינען צו גוישע געטער,
צו קולטן צו זייערע שלעכטע,
מיט פרעמדע קולטורן זיך זעטן,
מיט פירונג מיט פרעמדער זיך העפטן?

פֿאַראַן דאָך אַן א י י ג ע נ ע ר באָדן,
אַן א י י ג ן מדינה אַן אַלטע;
מיט מדבר מיט טויבן באַלאָדן,
אין גליוועך אין גרייזן געהאַלטן . . .

אַן ערד — אַזוי טייער און הייליק . . .
פֿאַרוויסט שוין צוויי טויזנטער יאָרן . . .
און ס'ווינקן פֿון דאָרטן די היילן . . .
און ס'וועקן פֿון דאָרטן די קברים . . .

און ס'מאָנען פֿון דאָרטן די זאַמדן,
און ס'רופֿן די שטיינער פֿון דאָרטן:
ווו איז ער, סערעני? וואָס זאַמט ער?
וואָס זיצט ער אינגוייטן? ווען פֿאָרט ער? . . .

און ס'וויכערט אין אים אויף אַ ווילן
נאָך רופֿן נאָך יענע זיך לאָזן;
פֿאַרלאָזן די היים דאָ די שטילע,
די שיינע איטאַליע פֿאַרלאָזן.

אַדאָרטן, אין ציון, זיין פּלאַץ איז.
אַן אייגן גאולה דאָרט ברענגען . . .
דורך הייסער, חלוצישער פּראַצע.
פֿאַר יידן, אינלופֿטן וואָס הענגען . . .

פֿאַר ייִדן — געהאַסט און געטראָטן.
פֿאַר ברידער — גערויבט און געמערדערט — —
אַ לעבן אויף אייגענעם באָדן.
אַ קיום אויף זיכערע ערדן — — —

און ענצאָ סערעני — ער נעמט איצט
אַלץ מער פֿון זײַן שלאָף זיך צעוועקן;
די בריקן די אַלטע פֿאַרברענט ער,
און פֿונעם פֿאַשיזם — אים עקלט . . .

אַצינדער, צו זעכצן, דערוואַכט ער:
אָט איז זי, די „נײַע איטאַליע":
אַ מאַכט אַ צעחיהטע — נאַכטיש,
מיט חשק נאָך רצח צעכוואַליעט.

אַ בלוטיק צעפּלייצטע ממשלה.
אַ הערשאַפֿט פֿון טיגערס פֿון זאַטע.
פֿאַר בירגער מיליאָנען אַ קללה.
אַן אומגליק פֿאַר דער דעמאָקראַטיע . . .

איז נעמט פֿון פֿאַשיזם אים עקלען.
ווערט שאַרף צום פֿאַשיזם זײַן שנאה.
פֿאַרווישט ער אין האַרצן די פֿלעקן,
מעקט אויס זיי, די שפּורן, פֿון זינען . . .

ער, ענצאָ, — ער האָט שוין אַצינדער
צו טאָן אין זײַן היימשטאָט — וואָס שענערס:
די ציון־אידייען צעצינדן,
דעם רוף צו דערלייזונג צעברענען . . .

אָט פירט ער שוין אָן מיט אַ קרייזל
(זיין ציל איז — צונויפבונד מיט ארץ),
און פרוכטן — געראָטן — זיך ווייזן
פון אַרבעט פון זיינער פון שווערער.

עס ברויזט שוין אין רוים אין אַנטיקן
אַ יוגנט פון יידישע היימען,
וואָס זוכט פאַר איר מאָרגן אַ תיקון
אין אַלטן, אין אייגענעם היימלאַנד.

און ענצאָ — ער טוט אַלץ, ער מיט זיך.
פאַרברייטערט פון קרייזל די רייען.
און פרישע חברים דערציט ער, —
פאַרטרויט זיי די ארץ־אידייען.

און העלפט אויך אין רוימישן געטאָ,
אין געסלאַך אין קרומע, אין ענגע;
די יוגנט פון דאָרטן ער רעטעט,
אין קרייזל אין זיינעם טוט ברענגען.

און לערנט זי דאָ אַ מלאכה.
איז מכשיר אי גופיש, אי זעליש
פאַר אייגענע, שייניקע יאָכן, —
אין היימלאַנד אין אייגענעם, העלן — —

אַזוי־אָ פאַרגייען מאָנאַטן.
און יאָרן אַזוי־אָ פאַרשטראָמען.
ער, ענצאָ, — ער טוט אַלץ, ער פלאַטערט,
ער פלאַמיקט מיט לייב און נשמה.

ער גרינדעט קיבוצים פֿאַר קינדער,
צום רעיון פֿון ארץ דערציט זיי;
און עלטערע יידן פֿאַרבינדן
מיט ארץ־אידייען ער מיט זיך.

און שרייבט אין דער פּרעסע אַרטיקלען —
פֿול חלום און גלויבן צעגליטן;
טוט ברייטער און טיפֿער צעוויקלען
זיין נייע, זיין ציונשע שיטה . . .

און מינטערט מיט ווערטער, פֿול רעגונג,
אַ יעדן אַרום אים, — „פֿאַרשלאָפֿן״ :
מיר שטייען אויף שיידונג פֿון וועגן.
דער גלות דער לאַנגערביים סוף איז.

און ציון — די איינציקע רעטונג.
דעריבער ניט רייד זענען נויטיק,
נאָר מעשים, נאָר הייסע געוועטן,
נאָר שטעט און ישובים געבויטע;

נאָר פֿעלדער, פֿול שפֿע, — געפֿלעגטע
דורך פּראַצע דורך אייגענער, — שווייסיק.
נאָר סעדער, מיט פּרות באַדעקטע
דורך אייגענער אַרבעט, — מיט חשק.

און נייטיק איז שאַפֿן אין ציון
אַ ייד און אַ מענטשן אַ נייעם,
וואָס זאָל זיך ב ש ו ת פֿ ו ת ד י ק מיען,
ק י ב ו צ י ש דאָס היימלאַנד באַפֿרייען.

און נייטיק אַן אייגן קולטור איז.
אַ לשון אַן אייגן — תנכיש.
אַ שטייגער — העברעאיש געפורעמט.
און נייטיק — אויך אַנדערע זאַכן . . .

און אָנהייבן טאָן עס מע דאַרף אַלץ
פון זיך, פונעם אייגענעם לעבן.
די גליקן אין גלות פאַרוואַרפן.
נאָך ווילטיק פריוואַטן ניט שטרעבן.

נאָר גרייטן זיך גופיש און זעליש.
זיך מכשיר זיין מערער און מערער.
און איילן אין הײמלאַנד אין העלן.
פאַרשטאַמען זיך גיכער אין ארץ.

אַזוי־אָ ער, ענצאָ, — ער מינטערט.
אַזוי־אָ ער פריידיקט, סערעני.
און הייסער זיין מי דאָ צעצינדט ער.
און אַרבעט כסדר — גאָר ברעניק.

און טוט אויך אין לערנען. און ענדיקט
גימנאַזיע. און איז אַ סטודענט שוין.
און האַלט אַלץ אין לעזן. און בלענדיקט
מיט פרישער, פאַרשיידענער קענטשאַפט.

און שרייבן ער טוט אַלץ — פאַרשיידן.
און טרוימט פון יצירות — גאָר ווײַכטיק.
און פירט זיך אַרום מיט זיין מיידל,
מיט עדהן, — צעחנט און צעליכטיקט.

און פאָרט אָפּט אַרומעט. מאַכט רייזעס.
אין היימלאַנד. אין פרעמדע מדינות.
און ווו נאָר ער טוט זיך באַווייזן —
איז האָט ער בלויז ציון אין זינען.

און אָטאָ אין קאַרלסבאַד קומט ער —
צום קאָנגרעס צום ציונשן דאָרטן.
דער זאַל, אַ געפּאַקטער, צעזשומט איז
מיט יידן פאַרשיידענע סאָרטן.

און וויצמאַן זיך ווייזט אויף דער בינע:
אַ שטאַלטנער, מיט פּנים מיט קלוגן;
נעמט ריידן, געדאַנקען אויסשפּינען;
און אויערן ווערן, ווי קרוגן;

און פולן זיך אָנעט מיט ווערטער,
וואָס דרינגען אין הערצער אַריינעט . . .
און ענצאָ — פאַרציבערט ער ווערט דאָ.
און ענצאָ — צעזונט און צעשייניקט.

און נאָכדעם, צוריק אין איטאַליע,
פון קאָנגרעס פון דעם־אָ פאַרכישופט,
און מער נאָך מיט ציון צעכוואַליעט, —
ער נעמט זיך מיט חשק מיט פרישן

צו מיאונג צו זיינער פאַר ארץ,
צו יידן — אַרום זיך געזאַמלט;
זיי פירן, זיי לערנען וואָס מערער,
מיט מערער באַוווסטזיין צעפלאַמען.

און ס׳וועדט דאָ געדופן אַ כינוס
פון יוגנט פון יידישער גאָרער:
די אַרבעט ביז איצטער באַזינען,
און פרישע פּראָבלעמען אויסקלאָרן.

און ער איז פון כינוס דער צענטער.
און פלאַמט אויף אַרום זיך דעם עולם.
און אָטאָ, מיט ווערטער צעברענטע,
ער מעלדעט: ער, ענצאָ, איז עולה.

ער פאָרט אָפּ פאַרוואָרן זיין שטרעבן,
פאַרוואַנדלען זיין חלום אין מעשים,
פאַרבינדן להבא זיין לעבן
מיט היימלאַנד מיט אייגענעם, גרייזן . . .

און רופט אויך די יוגנט אַרום אים
אים נאָכטאָן — צוזאַמען צו פאָרן;
מע מוז עס — פאַר זיך און פאַר אומה,
פאַר קיום פאַר יידישן גאָרן — —

און אָט איז פאַרוואָריקט זיין חלום.
ס׳איז אָסיען פון יאָר זעקס און צוואַנציק.
אָט זענען פון ציון די טאָלן,
די הייכן — מיט זונשיין באַגלאַנציקט.

די שטעט און קאָלאָניעס צעהעלטע,
פּרדסים, מיט פּרות באַשווערטע;
ער שפּאַנט שוין אויף אייגענע פעלדער,
ער שפּאַנט שוין אויף אייגענע ערדן.

פאַרלאָזט האָט אַ שטוב דאָרט אַ זאַטע,
פאַרלאָזט האָט אין ווילטיק אַ לעבן.
געקומען מיט ווילן צעפלאַטערט,
זיין כוח דעם מדבר אָפּגעבן . . .

געקומען צוזאַמען מיט עדהן,
זיין פריינדין, — זיין פרוי שוין אַצינדער;
געקומען מיט תשוקה באַלאָדן,
מיט גאַרונג נאָך פּראַצע אין פינגער . . .

און תיכּף ער נעמט זיך דאָ מיען.
אַ פּועל ער ווערט אין אַ פּרדס.
אין מאָרגן אין יעדן אין פריען
ער שטייט שוין, סערעני, און — אַרבעט.

עס בריט שוין די הענט אים דאָס רידל,
עס רינט שוין אַ שווייס אים פון שטערן;
אַ מידקייט נעמט דרינגען אין גלידער
און — טוט אים די אַרבעט באַשווערן.

נאָר ער איז פאַרעקשנט און מיט זיך.
און אָט ווערט אַ טאָג ווו פאַרגאַנגען.
דער מערב דער רויטער פאַרציט זיך
מיט ראָז אויסגעשטרייכטע פאָרהאַנגען.

עס בליט אויף אַן אָוונט אַ בלויער
(מיט שטערן — גינגאָלדיק — באַפינקלט);
און ענצאָ, דער חלוץ, דער פּועל, —
ער גייט איצט אַהיים, צו זיין ווינקל;

ער גייט צו זיין פרוי זיין געטרייער, —
ווי ער, — אַ חלוצה אַ יונגע;
צו שטילן ביים טונקעלן פייער, —
מיט ברויט, מיט אַ טייטל, — דעם הונגער . . .

אַזוי־אָ פאַרפּליסן מעת־לעתן.
אַזוי־אָ חדשים פאַרשווימען.
אין אַרבעט, אין שרייבן, אין לעזן.
אין ליבשאַפט אין הייליק־אינטימער.

און אָט איז שוין עדה אַ מאַמע,
און ענצאָ — אַ טאַטע אַ יונגער;
אַן עופל עס בליקט שוין, עס שטאַמלט,
אַ צווייט קינד, מיט אויגלאַך, — צעוואונדערט . . .

און איצטער, אַ בעל־פאַמיליע, —
ער שפינט אוים אַ חלום אַ שיינעם:
די ברידער — ענריקאָ, עמיליאָ, —
צו ברענגען און — לעבן אינאיינעם.

אַ קיבוץ דאָ שאַפן צוזאַמען,
אַ מרכז פון עולי־איטאַליע.
און בריוו נעמט ער שרייבן צעפלאַמיקט;
דערציילט אין די בריוו מיט התפעלות

פון לעבן פון גאַרן אַרום אים,
פון זיך און זיין היגער משפחה;
און בעט זיי, די אייגענע, קומען —
מיט בויאונג דאָ ווערן באַיאָכיקט.

נאָר ס'נייגן די ברידער צו לערעס —
פון לעבן אין ציון דערווייטערט;
און קלערן ניט פאָרן קיין ארץ,
און בלייבן אין היים דאָרט אויף ווייטער.

און ענצאָ, אַ חבר ער ווערט איצט
אין קיבוץ אויף נאָמען פון ברענער.
צו אָט אַזאַ קיבוץ געהערט ער.
דאָ וועט ער פיל אויפטאָן, סערעני . . .

דאָ וועט ער זיין כוח באַווייזן,
זיין אימפּעט, זיין שוונג, זיין התלהבות . . .
זיין לאָגיק זיין פעסטע, ווי אייזן . . .
און אָטאָ — ער איז שוין אַ חבר.

ער טוט שוין אין קיבוץ — ענערגיש.
ער איז שוין אין קיבוץ דער צענטער.
און ווערט דאָ אַלץ מערער פאַרערדישט.
און מערער באַווירקן ער נעמט דאָ.

דורך ליבשאַפט און ווילן — צעגליאיקט;
דורך וויזיע און וואָגיקן וויסן.
און קיבוץ — ער נעמט זיך צעבליען,
צעוואַקסט זיך מיט פּרות מיט זיסע.

ס'טוט ענצאָ פאָרויס אַלץ אים פירן.
טוט לערנען די יונגע חלוצים.
טוט שאַרף זיי פאַראינטערעסירן
מיט פראַגן מיט אַלע אין קבוצה.

און ס׳וועט גבעת־ברנר אַ מוסטער
פֿאַר פֿיל קאָלעקטיוון אין ארץ.
און ענצאָ — זיין נאָמען באַוווּסט ווערט,
באַליבט ווערט ביי יעדן אַלץ מערער.

מע ליבט אים, דעם פֿלאַמיקן חלוץ.
מע שאַצט אָפּ געהעריק זיין ווערדע.
און גרינגער עס ווערט דאָ דער עול אים.
און לייכטער דאָס לעבן אים ווערט דאָ.

ער שפּירט זיך אַלץ ענגער פֿאַרבונדן
מיט בויאונג מיט היגער מיט גאָרער.
וואָס קוואַליקט און שייניקט מיט וווּנדער,
ווי זונליכט אין הימלען אין קלאָרע . . .

ס׳איז אמת: ניט אַלץ נאָך איז גלאַטיק
אויף ערדן אויף היגע אויף אַלטע:
דאָס לאַנד איז ניט גרויס און ניט זאַטיק,
און ס׳ליגן געפֿאַרן — באַהאַלטן.

און ס׳פֿעלט נאָך דעם ישוב דעם קליינעם
אַן אייגן געשאַפֿענער סיגנון . . .
און אַנדערע שטרויכלענדע שטיינער
אויף שליאַכן אויף אַלע דאָ ליגן . . .

נאָר ענצאָ — ער זוניקט מיט גלויבן:
עס וועט דאָ דאָס לעבן באַזיגן
דעם מדבר דעם שטומען, דעם טויבן,
די אַלע סכנות, וואָס ליגן;

און וועט זיך אַליץ העלער צעקלאָרן
מיט שענסטע געבאָטן — תנכיש;
און ענדלאַך דאָ וועט זיך פאַרוואָרן
דעם נביאס חזיון פון אחרית . . .

אָט מאַכט ער, סערעני, טיולים,
מקומות — פאַרשיידן — באַזוכט ער;
און פרייט זיך מיט יעדער פעולה,
מיט אויפטו מיט יעדן — באַפרוכפערט

דורך הענט פון חלוצים געטרייע,
וואָס בויען און שאַפן צעשטראַליקט
אַ לעבן פון יושר און פרייהייט, —
אַ ביישפיל פאַר פעלקער פאַר אַלע.

אָט קומט ער אין עמק אין גרינעם,
אין יונגע, צעבליטע קיבוצים;
באַנעמט דאָ נאָך טיפער דעם זינען
פון אַרבעט, וואָס טוט זיך חלוציש . . .

און אָט איז ער, ענצאָ, ביים כותל, —
אין אוראַלטן ירושלים;
באַטראַכט דאָ די בעטער די הייסע
און — פול ווערט, ווי זיי דאָ, מיט פייער . . .

ווי נאָנט איז די וואַנט אים אָ־די־אָ
(אין טראַגיק אין אירער דערהויבן),
וואָס גליאיקט מיט אַלטער נבואה,
מיט יידישן ניצחישן גלויבן . . .

אַזוי־אָ „שפּאַצירט" ער, סערעני,
באַקענט זיך מיט אַלע מקומות.
און — ווידער שוין אין גבעת־ברנר,
באַטרונקען מיט נייע חלומות . . .

באַטרונקען מיט גאַרונג מיט פרישער,
מיט רופן מיט פרישע באַפאָניקט . . .
און פינף יאָר אַזוי־אָ פאַרפליסן —
אין אַרבעט, אין שרייבן, אין מאָנען — — —

פינף יאָר שוין אויף אייגענעם באָדן,
פינף יאָר שוין — אין בויען, אין שאַפן.
און איצטער, מיט פלענער באַלאָדן,
פאַרלאָזט ער אין יפו דעם האַפן.

ער, ענצאָ, — ער לאָזט זיך אין שליחות
צו יידן — צעזייטע אין תפוצות:
דערציילן פון אויפבוי — צעוויכערט,
פאַרמערן חלוצישע קבוצות.

צערירן דעם גלות — „פאַרשלאָפן".
די יוגנט אַדאָרטן צעוועקן.
און אָטאָ פון וואַסער דער סוף איז,
אָט גרינען פון ערד שוין די ברעגן.

אייראָפּע. די אַלטע . . . די גרייזע . . .
ס'איז יאָר איין און דרייסיק. ס'איז זומער.
אין רוימען אין אירע עס קרייזלט
אַ קאָרשון אַ ברוינער — פאַרטומאַהט . . .

ער, ענצאָ סערעני, דערשפּירט עס.
דער אַוויר אייראָפּעס — פאַרפּעסטעט.
פון האַרצן פון אירן עס רירט זיך
אַ בלאָנדע, אַ בלוטיקע בעסטיע.

ער זעט, ווי די שנאה צו יידן
צעגליט זיך — אין לענדער אין אַלע.
ער זעט, ווי צו העלזער פון ברידער
עס ציט זיך, צעפּליציקט, אַ חלף.

ער זעט, ווי דער גלות עס זשיפּעט, —
אין דייטשלאַנד, אין עסטרייך, אין פּוילן
(און איצטער פון דעם־אָ די סיבה —
זי איז שוין פון אים ניט פאַרהוילן). —

איז נעמט ער, סערעני, דאָ וועקן,
איז נעמט ער, סערעני, דאָ מאָנען:
פון אַלע אייראָפּעס פיר עקן
עס נענט זיך, פאַרטייעט, סכנה;

סכנה פאַר יעטווידער אומה,
באַזונדערס, פאַר יידן, — צעשאָטן;
די ערשטע אין יעדער מהומה
צו ווערן, ווי שטויבן, צעטראָטן.

איז דאַרף מען דאָ אַלעס פאַרלאָזן.
איז דאַרף מען פונדאַנען אַנטלויפן.
קיין ארץ, אַהיים, — בחיפּזון.
אויף יעדן נאָר מעגלאַכן אופן . . .

איז נעמט ער, סערעני, צעפּיבערט
זיך מיען, — אין דייטשלאַנד, אין האָלאַנד;
צעוועקט דאָ די יוגנט — מיט ליבע;
באַלייגט זי חלוציש מיט עולן.

און סניפים עס ווערן געשאַפן,
קיבוצים צערוישן זיך נייע;
און עולים זיך לאָזן צו האַפנס —
זיך טראָגן צו אייגענער פרייהייט . . .

און ענצאָ — ער טוט אַלץ, ער מינטערט, —
דורך רייד און דורך שריפט און דורך אַרבעט;
און העלפער און פרישע געפינט ער
אין מיאונג אין זיינער אין האַרבער.

און קרעפטן ער גרייט אַלץ פאַר ארץ.
און רופט אַלץ. מיט האַרצן — צעשייטערט.
און שטראָפט אויך מיט מוסר מיט שווערן
די גבירים — פון ציון דערווייטערט:

אָ, ווי צו די זאַטע, די רייכע,
וואָס זיכער אַזוי דאָ זיי זיינען;
פון ברידער פון אייגענע ווייכן,
פון אייגענער אומה — צעפּייניקט.

פיל צייט זיי פאַרמאָגן פאַר אַלעם,
פיל געלט — פאַר אַ יעדער פעולה;
נאָר ניט פאַרן ציונשן חלום,
נאָר ניט פאַר ישראל־גאולה — — —

און ווידער אין שליחות. אַצינדער
דאָס יאָר פיר און דרייסיק עס בלוטיקט.
געפענט שוין איז דייטשלאַנד פון שינדער.
באַצוווּנגען פון ברוינע ניט־גוטע.

אויף פלעצער בערלינער הוילט היטלער —
צום וועלפישן „הייל" פונעם פעבל;
און כמאַריק — די יידן־געמיטער,
און הפקר — דאָס יידישע לעבן.

אַפּנים, עס נעמט זיך פאַרוואָרן
זיין, ענצאָס, קאָשמאַרנער חזיון;
עס וואַקסן די יידישע קברים
און — פרישע געפאַרן עס דראָען.

די שנאה צו יידן, זי שטראָמיקט
אַ יעדע מדינה אַריבער;
און אומעטום פינצטערן תהומען,
און איבעראַל לויערן גריבער.

עס גרייט זיך אַ וועלטקריג אַ צווייטער
אין האַרץ פון אייראָפּע —צעריסן;
ער גרייט זיך די ברידער צעשפּרייטע
מיט חורבן מיט ברוינעם פאַרגיסן.

צעצינדט זיך סערעני אויפסניי דאָ,
אַדאָדערט, אין דייטשלאַנד, — ביים מולך;
בחורים, בחורות ער קלייבט דאָ
און — מכשיר ער איז זיי פאַר עולים.

ער טוט עס אין גרעסטע סכנות,
פון ווינקלען פון אַלע וואָס לוגן;
זיין לעבן, ער שטעלט איצט אין קאָן אים —
אַבי נאָר צו ראַטן די יוגנט . . .

אַבי נאָר צו ראַטן וואָס מערער —
דורך „טראַנספּער", דורך אַנדערע וועגן;
און פירן, באַפרייטע, קיין ארץ,
און ברענגען צו זיכערע ברעגן.

איז ברענט ער, סערעני, און פיבערט.
און לאָזט זיך קיין פוילן, קיין ענגלאַנד.
און טראָגט זיך קיין פראַנקרייך אַריבער —
אַהינצו זיין ראַטונג צו ברענגען.

און ס'רינגלען אַזוי זיך די יאָרן
אין שליחות אין נייער, צעפּלאָמטער.
אָט לאָזט ער, סערעני, זיך פאָרן
אַריבער דעם ברייטן אַטלאַנטיק.

צו פרייע, צופרידענע יידן
אין גאָלדענער יענקי־מדינה:
באַווירקן אויך דאָרטן די ברידער,
פאַר היימלאַנד פאַר אַלטן געווינען.

און אפשר איז מעגלאַך אויך דאָרטן
קיבוצים חלוצישע שאַפן
און פירן צו אייגענע באָרטן,
און ברענגען אין אייגענע האַפנס.

איז טראָגט ער, סערעני, זיך אומעט, —
אויף ערדן, אויף ימען צעשטרעקטע;
און ווו נאָר ער, ענצאָ, טוט קומען, —
די יידן אַרום זיך צעוועקט ער.

און ווו נאָר ער קומט, נעמט ער מאָנען, —
דורך רייד און דורך שריפט און דורך טאַטן — —
ביז וועלטקריג צווייטער קומט אָנעט —
מיט שרפה מיט גרעסטער צעפלאַטערט — — —

דער וועלטקריג דער צווייטער. ער שטראָמט שוין.
ער שפרייט שוין זיין חורבן אין פוילן.
עס ברענען שוין וויטן און נאָנטן.
עס ווערן שוין יידן געקוילעט.

ער, ענצאָ, — צוריק פון זיין שליחות, —
ער רייסט זיך באַנייעס אין גלות:
דאָרט העלפן נאָך ווענען — אין וויכער,
אין גרוויליק צעפלייצטער בהלה . . .

ער רייסט זיך מיט האַרצן — צעבראָכן,
מיט אברים מיט אַלע — צעווייטיקט:
אַ קלוג פאָלק — די יידן, אַ חכם,
נאָר אייגענעם גורל פאַרשטייט ניט . . .

געבויט אַלץ אויף קעפּ פון וואולקאַנען,
צופוסנס פון תהומען פון בלינדע;
פאַר קוילן און תליות און פלאַמען,
פאַר רויבער און מערדער און צינדער.

איצט איז שוין פֿאַרלאָרן אַזויפֿיל.
דאָרט — חורבן און „ווייס בוך" — אין ארץ.
נאָר קעמפֿן מע מוז אַלץ — אָן אויפֿהער.
אין צייטן אַפֿילו גאָר שווערע . . .

איז ווידער אַ וועג זיך צעוויקלט.
ער לאָזט זיך אַצינד קיין איטאַליע.
אָט קומט ער אין רוים אין אַנטיקן —
מיט גזרות אויף יידן צעכוואַליעט.

אויך דאָרטן, אין היים אין זיין אַלטער,
אין גאָרער באַקאַנטער מדינה,
דער ייד ווערט אין קלעם שוין געהאַלטן, —
ס'טוט היטלערן נאָך מוסאָליני . . .

און יידן דאָ — העכער אַ דריטל —
געוואָרן זיי זענען קאַטוילן.
דאָס העלפֿט נאָך. דאָס איז נאָך אַ מיטל
אַקעגן די קלעמער, די קוילער . . .

אַ תכלית אַ שיינער אַרום אים —
פֿון לאַנד און פֿון פֿאָלק און — פֿון יידן;
ער, ענצאָ, — ער דרייט זיך אַרומעט
פֿון ווייטיק פֿון טיפֿן געטריבן — —

און אָטאָ קיין פֿראַנקרייך ער קומט אָן.
ס'איז ערב דער נאַצי־אינוואַזיע.
פֿאַריז, אַ פֿאַרשייטע, צעזשומט איז
מיט הוליעניש, מיט עולם הזה.

נאָר פרעס און נאָר זויף און נאָר זונה.
און ווייטער — זאָל וועלט זיך פאַרניכטן.
ס'קלערט קיינער פון נאַצישער בוינע,
וואָס ווענדעט אַהערצו איר ריכטונג.

און ס'דרינגען שוין היטלערשע האָרדעס
אַריבער פראַנצויזישן גרענעץ;
און ס'ווערן שוין דערפער געמאָרדעט;
און ס'ברענען שוין שטעט — אַ גיהנום.

עס לויפן מיליאָנען צו דרום —
זיך רעטן פון שונא'שע נעגל;
און שפרייטן די פעלדער מיט קברים,
און הילן אין גרוילן די וועגן.

און ענצאָ סערעני — ער אויכעט.
אויך ער לויפט. ער איילט זיך. קיין ארץ.
דורך שטעטלאַך — געשלייערט אין רויכן.
דורך שליאַכן — מיט פליטים באַשווערקט.

ער איילט זיך. ווייל אויכעט איטאַליע
פאַרקנוילט ווערט אין וועלטן־געראַנגל;
און פלאַם פון מלחמה דערכוואַליעט
צו אייגענע — ציונשע — ראַנדן.

אויך ציון — באַדראָט שוין פון מערדער;
די לעצטע, די טייערסטע פעסטונג . . .
און קלערער עס ווערט אים אַלץ מערער:
ער מוז קעגן פיינט זיך פאַרמעסטן.

ער האָט דאָך אין קינדהייט געחלומט
פון גבורות פון גרויסע, פון זיגן . . .
איצט איז עס אַ מוז — צוליב שלום;
פאַר אַלע; באַזונדערס — פאַר יידן.

אויב לעבן אויך ווייטער מיר גאַרן,
דאַן מוזן מיר, יידן, זיך לאָזן
אַהינצו, אין גבול פון געפאַרן,
ווו פייער פון קריג איז צעבלאָזן;

אַהין, ווו סכנה עס לויערט
און גרייט זיך, צעמבולט, פאַרשטראָמען
אי יידן, אי ציונשע בויאונג
אין טיפע, אין נאַכטישע תהומען — — — —

און אָט איז ער, ענצאָ, אַ זעלנער.
פרייוויליק. פון ערשטע אין ארץ.
ער פלאַקערט אויף שלאַכטישע פעלדער.
ער רייסט זיך אין שטרייטן אין שווערע.

ער ברעניקט אין לאַנד פון די גריכן.
עס הייטערט זיין וואָרט אויף די קריגער . . .
נאָר אָפּטרעטן מוז מען וואָס גיכער
פאַר האָרדעס פאַר ברוינע — די זיגער.

און שיפן מיט זעלנער זיך טראָגן
אין ים אין עגייאישן — פולע;
און נאַצישע פליער עס יאָגן —
באַהאָגלען מיט באָמבעס, מיט פוליעס.

און ער איז אינמיטן געשטורעם.
און ער איז אינמיטן די גרוילן.
אַן עדות פון בלוט און יסורים.
אַן עדות פון דולע געהוילן.

נאָר ס׳ווערט ניט זיין גייסט איינגעבראָכן.
ער ווערט ניט, סערעני, אַנטמוטיקט.
ער גלויבט אַלץ אין העלן ניצחון.
ער גלויבט אַלץ אין אויסלאָז אין גוטן . . .

און אָטאָ ער קומט קיין עגיפּטן.
פאַרנעמט זיך דאָ מיט פּראָפּאַגאַנדע.
מיט איבערדערציען פאַשיסטן —
פון ענגלאַנד אין מדבר געפאַנגען.

פאַשיסטן . . . פון דאָרט . . . פון איטאַליע . . .
באַקאַנט אים פון צייטן פון ווייטע . . .
ער רעדט פאַר זיי, ענצאָ, — צעכוואַליעט.
קלערט אויף זיי — אין ראַדיאָ, אין צייטונג.

פרווט לערנען — פּאָליטיש און עטיש . . .
פרווט אָפּציען אַ־די חיילות
פון שוואַרצן, פאַשיסטישן פעטיש,
פון שליאַך מוסאָליניס — פאַרקללהט . . .

נאָר טויבע די הערצער עס זענען
ביי אַ־די אַסירים־סאָלדאַטן;
ער קען דאָ קנאַפּ אויפטאָן, סערעני:
זיי האָט שוין פאַשיזם געפּטרט . . .

באַנעמען זיי קענען שוין מער ניט
אַ פרייען געדאַנק אַ געדאַנק אַ געדעכטן . . .
און שווער אים זיי פירן, זיי לערנען;
לחינם דעם מוח ער ברעכט זיך . . .

און חוץ דעם באַשטרויכלען זיין מי דאָ
געוויסע פערזאָנען אַרום אים;
דער דרך פון דאָזיקן יידן
אין אויגן אין זייערע — קרום איז.

צרמענטשלאַך ער, ענצאָ, פאַר זיי איז . . .
צד־יידי׳ש פאַר זיי איז זיין אמת . . .
און שקרים אַרום אים זיי זייען,
אין ברודנע אינטריגעם פאַרקלעמען.

און, „פאַר אַ פאַרברעכן אַ האַרבן",
מע וואַרפט אים אַריינעט אין תפיסה;
און צען טעג פון הונגער פון שאַרפן
אין טורמע אין דער־אָ פאַרפליסן.

ער זיצט דאָ, סערעני, אין תענית.
אַ הונגער־שטרייק האָט ער דערקלערט דאָ.
די אייגענע — ענגלשע — שונאים . . .
די אייגענע — מיצרישע — מערדער . . .

ביז טיר פון דער טורמע זיך עפנט
און פירט אים אַרויס אַ באַפרייטן.
נאָר מער איז ער דאָ זיינע שעפן
ניט נייטיק און — לאָזט זיך אינוויטן — —

ער פֿאָרט אָפּ קיין איראַק אַצינדער —
אין גלות פֿון בבל אין אַלטן;
דאָרט העלפֿן די אייגענע ברידער —
אין אימה פֿאַר אומקום געהאַלטן.

געיאָגט און געפּייניקט און געמערדערט
פֿון היימישע נאַצישע חיות;
און וואָס אַ טאָג, ווערט דאָרטן ערגער;
און וואָס אַ טאָג — אומגליקן נייע.

איז פֿאָרט ער אַהינצו, סערעני,
צו ברידער, אין ליידן געפּרוּווטע;
אויב טאָן איצט אין מערב ער קען ניט,
איז וועט ער אין מזרח אַ פּרווו־טאָן . . .

און אָט איז באַגדאַד — פּילקאָלירק.
אַבּאַיעס. טורבאַנען. מעטשעטן.
און ייד — אין פֿאַגראָמישער שפּירונג . . .
און ענצאָ — פֿון ארץ אַ רעטער . . .

ער רעדט שוין (אויף דעכער, אין קעלערס)
פֿאַר ברידער, פֿאַר שוועסטער באַגדאַדער;
דערציילט פֿון מולדת פֿון העלער —
אַ היים פֿאַרן ייד נע ונדן.

דערציילט זיי פֿון אַרבעט, פֿון שטרייטן
און קלייבט זיי, און קניפּט זיי אין קבוצות;
און רופֿט זיי דעם גלות פֿאַרבייטן
אויף לעבן אין היימלאַנד — חלוציש . . .

און טוט (אין געפּאַרן) זיי פירן,
און ברענגט זיי אין לאַנד פון די אבות;
די שוואַלבן די ערשטע פון איראַק,
די עולים די נייסטע פון בבל . . .

און ווידער אין ארץ. פאַרנומען
מיט פרישע, גאָר האַרבע פּראָבלעמען.
אין תפוצות די יידישע אומה —
זי קומט אום אין מערדערשע קלעמען.

דער חורבן — ער איז אומגעהייער,
פאַרווישט ווערט אַ ישוב נאָך ישוב;
און ווייטער עס טראָגט זיך דאָס פייער;
און רייסט זיך די שרידים אָפּווישן.

ניטאָ באַלד קיין ייד אין אייראָפּע.
פאַרברענט אויף פּאָנאַר, אין טרעבלינקע.
צעאַשט און אין גרונטן פאַרקאָפּעט.
אי פרומע, אי רעכטע, אי לינקע.

אי גרייזע, אי קינדער ביי ברוסטן.
רבנים און קרעמער און שמידן.
די ווילנעס, די וואַרשעס, — עס פּוסטן.
ניטאָ באַלד אין גלות קיין יידן.

און דאָ גייט אַ קריג אָן אַ בייזער —
אין אייגענעם אַרבעטער־לאַגער;
אַ חילוק אין דעות אַ הייסער,
אַ פּירוד אַ שאַרפער אין פראַגן.

מע רייסט זיך. מע פּיקט זיך, ווי העגער.
און ס׳דראָען געפֿאַרן פֿון שפּאַלטונג.
אַצינדער, ווען דאָרט, אין גיהנום,
אַן אומה צעאַשט ווערט אַן אַלטע.

אַצינדער, ווען מער נאָך איז נויטיק
צו קניפּן די אייגענע רייען,
און רעטן פֿון נאַצישע טויטן
די רעשטן — אין בראַנדיקע ווייען . . .

איז נעמט ער זיך, ענצאָ, צו איחוד, —
אַלץ ענגער די רייען פֿאַרבינדן;
אַ פֿרידן פֿאַרפֿעסטיקן — זיכער
און רוף צו הצלה צעצינדן.

זיך איילן מיר מוזן אַצינדער,
וואָס גיכער צו רעטן פֿון פֿלאַמען
די לעצטע פֿאַרתּפֿיסהטע קינדער,
די לעצטע פֿאַרמשפּטע מאַמעס.

איז טוט ער, סערעני. פֿאַרעקשנט
גיט אָפּ זיך די איחוד־פּראָבלעמען.
כאָטש איצטער ער איז אויך באַוואַקסן
מיט אייגענע בלוטיקע קלעמען.

חוץ ווערן פֿון ווייִ איינגעגאַנגען
פֿאַר יידן, ווי לעמער געקוילעטע,
פֿאַר ברידער, אין געטאָס וואָס צאַנקען,
פֿאַר שוועסטער, אין לאַגערס וואָס פֿוילן;

איז ווערט ער מיט ווייטיק פאַרבלינעט
פאַר אומקום פון נאָנטע און ליבע —
אַדאָרט, אין איטאַליע־מדינה,
אין היימשטאָט, ביי ראַנדן פון טיבער.

ענריקאָ, דער עלטערער ברודער, —
שוין יאָרן ווי ער איז פאַרשוווּנדן;
עמיליאָ, דער יינגערער ברודער, —
מיט „רויטע" ער האָט זיך פאַרבונדן.

געקעמפט קעגן שוואַרצער ממשלה.
געוואָרן געיאָגט און געטריבן.
אַנטרונען אַהין דאָרט, אין גלות,
און — ווער ווייס, צי לעבן געבליבן.

און אָנקל אַנדזשעלאָ ניטאָ מער.
און אַנדערע קרובים — פאַרלאָרן.
פון שמד און פון טמיעה פאַרשטראָמיקט.
אין אָרעמס פון טויט ניט געוואָרן.

און איצט איז דער פאָטער געשטאָרבן.
געפלעט האָט זיין מוח די בשורה.
דער פאָטער דער גוטער — אַ קרבן.
ווי בריאיק, ווי האַרב, — די יסורים . . .

איז גייט ער אַרום אַ צעפיינטער,
געשלייערט אין שוייגן אין טריבן;
אויף פנים, דעם שטענדיק צעשיינטן, —
ניטאָ מער דער שמייכל דער ליבער.

פון אויגן, וואָס תמיד געזוניקט, —
פאַרשווונדן די פרילינגשע פריידן;
זיין זעל איז אין אַסיען פאַרשפּונעץ
און ס׳ווילט זיך לחלוטין ניט ריידן . . .

נאָר לאַנג אַזוי אומגיין — ווי מעג ער?
אַצינדער, ווען ערדן עס ברענען?
ווען טייער איז יעטווידע רגע?
ווען רעטן אַביסל מע קען נאָך?

אַט האָבן די „ברוינע" מפּלות
און טרעטן פון מזרח שוין אָפּעט;
און ס׳ברעכט זיך די „שוואַרצע" ממשלה,
באַפרייט ווערט אויך דרום אייראָפּע.

סיציליע — שוין פריי און די יענקים,
צעשטורעמט, — אויף רוים זיי מאַרשירן;
מיט ענגלאַנד מע גיט זיך די הענט דאָ:
באַלד וועט מוסאָליני קראַפּירן . . .

איז דאַרף ער, סערעני, אַצינדער
זיך לאָזן אַהינצו, — אין פייער;
אַהינטער נאַציסטישע צינדער
אַראָפּלאָזן זיך — אַ באַפרייער . . .

פאַרקניפּן זיך מיט פּאַרטיזאַנער —
אין רוקן פון חיהשן שונא;
און קעמפן, פאַרשטאַרקטע, צוזאַמען
אַקעגן די „שוואַרצע", די „ברוינע".

דערנענטן די שעה פון ניצחון
און — יידן דאָרט רעטן וואָס מערער;
און ווערמען פון אייגן משפחה;
און אַלע זיי פירן קיין ארץ . . .

ער, ענצאָ, — ער פּאַסט זיך פאַר דעם־אָ.
איטאַליע — זי איז אים גאָר היימיש.
די ערטער אין פיינטלאַכע קלעמען.
די לעצטנס באַפרייטע מקומות.

איז טויג ער זיך צו אַזאַ שליחות —
אַצינדער, ווען ארץ עס גרייט זי . . .
ווען יוגנט ווען היגע, צעוויכערט,
אין לענדער פון שונא צעשפּרייט זיך.

געהיים. אויף צו רעטן אַדאָרטן
די שרידים — באַדראָטע פון פייער;
און פירן צו זיכערע באָרטן,
און ברענגען צו אייגענער פרייהייט . . .

די סענעש, די אַנדערע העלדן, —
צו קעמפן, צו אומקומען גרייטע;
פאַר אייגענע טייערע ערדן,
פאַר יידן, אין תפוצות צעזייטע.

ער, ענצאָ, — ער גרייט זיי, די שליחים . . .
און זיך גופא גרייטן הייבט אָנעט:
אויף ער פאָרט אַהינצו, אין וויכער,
אויף ער פליט אַהין, אין סכנה.

און ס'העלפֿן קיין ווערטער, קיין טענות:
ער טאָר זיך ניט לאָזן, סערעני:
זיין כוח, די מיאונגען זיינע, —
דעם היימלאַנד גאָר נייטיק זיי זענען.

און חוץ דעם — ער איז שוין קיין יינגל.
שוין פערציק עס ווערט אים אינגיכן . . .
אַ „צנחן" איצט ווערן — ניט גרינג איז. —*)
איז פּאַסט ער ניט פֿאַר אַזאַ שליחות — —

נאָר ס'העלפֿן ניט אַ־די פּראָטעסטן.
ער האָט שוין, סערעני, באַשלאָסן:
ער פֿליט מיטן פֿיינט זיך פֿאַרמעסטן —
צו שיסן, צו ווערן געשאָסן . . .

און ווידער ער איז אין עגיפּטן.
(מיט אַנדערע שליחים — פֿיל יינגער).
צען טעג דאָ מיט אייפֿער ער איבט זיך
אין פּאַראַשוטיסטישן שפּרינגען.

ער איבט זיך מיט אימפּעט, מיט גבורה
און — שפּירט ניט אויף רוקן די יאָרן . . .
ער גרייט זיך, מיט האַרצן, — צעשטורעמט, —
אַ חלום אַן אַלטן פֿאַרוואָרן — —

אַ חלום אַן אַלטן . . . ער איז שוין
אויף ערד פֿון איטאַליע צעזונטער;
אויף גרונטן — באַפֿרייט פֿון פֿאַשיסטן;
מיט יידן־סאָלדאַטן געזונטע.

---

*) צנחן — פּאַראַשוטיסט

מיט ארץ־בריגאַדע — צען טויזנט
גאָר דרייסטע און בראַווע בחורים;
געקומען אַהערצו צעברוויזיקט
צו העלפן קרבנות פון שטורעם.

און ס׳ברענגען שוין הילף צו קרבנות
(פון קראַנקייט, פון הונגער פון שווערן);
צו יידן, — אַרויס פון סכנה; —
די העלדן־סאָלדאַטן פון ארץ.

און ענצאָ באַניים איז אין צענטער.
ער טראָגט זיך דורך דערפֿער פאַרוויסטע.
ער יאָגט זיך דורך שטעטלאַך פאַרברענטע.
און יידן, דאָ, דאָרטן, דערווישט ער . . .

אין סאַנטאָ מאַריאַ, פערמאָנטע,
אין אַנדערע ערטער באַפּרייטע;
ער, ענצאָ, אין קריגערשן אָנטאָן, —
ער טוט שוין, ער העלפט שוין, — צעשייטערט.

און לעבט אויף החלוץ־באַוועגונג.
און עולים ער זאַמלט פאַר היימלאַנד.
און פול שוין פאַרוואָרפענע וועגן
מיט פאָרער, מיט גייער געהיימע . . .

נאָר לאַנג דאָ פאַרבלייבן ער טוט ניט.
ער רייסט זיך אין רוקן פון שונא.
ער ברוויזיקט, סערעני. ער רוט ניט.
וואָס שנעלער זיי שלאָגן, די ברוינע.

וואָס גיכער די יידן דאָרט רעטן,
און אויך איטאַליענער דאָרט העלפן.
און אפשר געפינען דאָרט וועט ער
עמיליאַן — דעם ברודער, דעם קעמפער . . .

און ס'קומט אָן דער טאָג דער געגאַרטער
(אין יאָר פיר און פערציק, אין יוני);
ער, ענצאָ, האָט ענדלאַך דערוואַרט זיך,
זיין חלום — היינט ווערט ער דערשפּונען . . .

אָט נעמט ער שוין אָפּשייד פון אַלע
חברים — סאָלדאַטן, „צנחנים";
פאַרזיכערט גאָר פלאַמיק זיי אַלע:
ער וועט ניט פאַרשעמען זיין נאָמען.

פאַרזיכערט מיט שטאָלענע ווערטער:
ער וועט ניט אַנטווישן זיין חלום . . .
און טאָמער דאָרט אומקומען וועט ער,
איז זאָגט ער דאָ אַלעמען „שלום" — —

און ווידער אין רוימען ער טראָגט זיך,
צו סאַמע די פראָנטן — אַצינדער.
אַ רגע נאָך רגע עס יאָגט זיך,
און אונטן שוין בושעווען שינדער . . .

ער איז שוין אין שונאשע ספערן,
ער גרייט זיך פון הימל שוין שפּרינגען . . .
ער גרייט זיך . . . זיין מיסיע זיין שווערע —
זי וועט אים, זי מוז אים געלינגען . . .

נאָר אַנדערש דער גורל געטראַכט האָט.
נאָר אַנדערש עס האָט זיך פאַרענדיקט.
געלוגט אויף זיין לעבן די נאַכט האָט.
געגרייט אים אַ גרויליק־פאַרלענדונג — — —

מען האָט אים געפאַנגען. די דייטשן.
אַ פאַראַשוטיסט. אַ „מרגל״.
פון ציונס צעזוניקטע ווייטן —
מיט ליכטער פון אויפלעב צעפאַקלט . . .

אַ יידן אַ קורצן, ברוינהויטיק.
אַ בראַוון. מיט בליקן מיט פרייע . . .
איצט וועט מען אים פאָרשן און — טויטן,
צעאַשן, צערויכן אין פייער . . .

און טורמעס צעפראַלן די טירן
פאַר אים — פאַר דעם יידן־„מרגל״;
און וועכטער און שטרענגע אים פירן
פון טורמעס פון גרויע אין לאַגערס.

ער זיצט אין ווערשאַנאַ אין תפיסה,
שמאַכט אָפּ דאָ דריי לאַנגע מאָנאַטן;
ער ווערט דאָ געפאָרשט און — געשמיסן,
ער ווערט דאָ געפרווט און — געמאַטערט.

און ווידער אַ תפיסה — באָלזאַנאַ.
מע פאָרשט אים, מע פרווט אים אויך דאָרטן.
און נאָכדעם מע פירט אים פון דאַנען
אַלץ ווייטער — צעשונדן, צעאָדערט.

מע פירט אים צו זיך אין דער נאָרע,
מע פירט אים אין הרג־פאַבריקן,
וווּ ס'פלאַקערן די קרעמאַטאָריעס,
וווּ קאַמערן גאַזיקע שטיקן.

און דאַכאַו ווייזט זיך אַלץ נענטער —
מיט הויכע, מיט שטעכיקע צוימען,
מיט ריחות פון קערפערס צעברענטע,
מיט רויכן געקנוילטע פון קוימען.

מען עפנט פאַר אים אויף דעם טויער:
ווילקאָמען „מרגל" פון ציון;
און דראָטן, און וועכטער אויף מויער
אַ פענטע אַרום אים פאַרציען.

ער זעט זיך פאַרצוימט און פאַריגלט,
מיט קנוט און מיט ביקס אַ באַהיטער;
און טויט אַרום אים איז צעשפיגלט
אין אויגן, מיט הונגער צעגליטע . . .

אין אויגן פון טויזנטער יידן.
געהאָפט זיי צו העלפן, צו היילן . . .
איצט וועט ער מיט אַטאָ־די ברידער
דעם גורל דעם זעלביקן טיילן . . .

איצט נעמט ער שוין טיילן — אַ קראַנקער:
פון טורמעס און הונגער און מאַטער;
אַ גרעזל אַ האַרבסטיק, אין צאַנקען, —
זיין האַרץ אין זיין קערפער עס פלאַטערט . . .

אַ בלעטל אין נעצן פון אָסיען,
ווען ס'לעשן אויף בוים זיך די פאַרבן . . .
נאָר ס'ווערט ניט זיין גלויבן פאַרלאָשן
אויך איצטער, אין אָנבליק פון שטאַרבן . . .

אויך איצטער ער ווערט ניט אַנטמוטיקט,
אויך איצטער — אין נעגל פון חיה;
ביים אָנזען פון אויסראָט, וואָס רוט ניט.
ביים אָנזען פון אויוון — צעפייערט . . .

ער הייטערט אסירים האַלב טויטע,
באַשענקט זיי מיט ליבע מיט הייסער;
דערציילט זיי פון ארץ, וואָס בויט זיך
דורך יונגע חלוצים — מיט חשק.

דערציילט זיי פון יידן באַפרייטע —
אין אייגענע ערדן פאַרגרונטיקט;
פון שטעט און ישובים באַנייטע;
פון פעלדער צעגראָזטע, צעבלומטע.

אַ מלאך אַ גוטער — גענידערט
אין אימה־גיהנום — פון הימל;
דערפרייען דאָ צאַנקנדע ברידער
מיט פרייהייט, מיט גרעזל, מיט בלימל . . .

אַזוי־אָ מעת־לעתן פאַרבלוטן —
אין הונגער, אין קראַנקייט, אין פחדים;
ער, ענצאָ, — ער לעבט נאָך און — מוטיקט,
ער, ענצאָ, — ער ציט נאָך דעם פאָדעם . . .

נאָר קנאַפּער עס ווערן די קרעפטן,
און ווייניק די פּיס אים שוין דינען;
ער ליגט אין באַראַק שוין אַליין עפּטער —
פאַרטראָגן מיט האַרצן און זינען.

ער ליגט אויף דער נאַרע, אַ שוואַכער,
מיט אויגן מיט מידע, — געשלאָסן
און טראָגט זיך אין דמיון אין וואַכן
אין ווייטן, מיט זונשיין פאַרגאָסן.

ער זעט זיך צוריק אין זיין היימשטאָט,
אין רוים אין אַנטיקן, ביים טיבער,
אין זאַטער, אין ליכטיקער היים דאָרט,
מיט עלטערן, שוועסטער און ברידער.

עס בלענדן פאַרביי פאַר די בליקן
די יינגלשע טעג די צעבראָכענע;
מיט טרוימען פון שרייבערשע גליקן,
מיט גאַרונג נאָך גבורות נאָך גרויסע.

און אָט נעמט אַן אַנדערער חלום
באַהעלן זיין זעל און זיין זינען:
זיין אומה דערלייזן פון גלות
און — אייגן גאולה געפינען.

און אָטאָ ער איז שוין אין ארץ.
אַ חלוץ אַ יונגער — צעפלאַמיקט,
באַלאָדן מיט עולן מיט שווערע,
מיט עדהן — זיין פרוי שוין — צוזאַמען.

ער אַרבעט, ער מיט זיך, — צעוויכערט.
און יאָרן און פּופּצן פּאַרגייען.
אין בויען, אין שרייבן, אין שליחות,
אין שטאַרקן די אַרבעטער־רייען.

ער זעט זיי פון דאַנען, די יאָרן
די פּופּצן, — געשאָנקען פאַר ציון;
די אַלע חלומות און וואָרן —
דורך אַלע די יאָרן זיך ציען . . .

ער זעט זיינע ליבסטע פונדאַנען:
זיין עדהן — זיין פרוי זיין געטרייע;
די קינדער: דניאל און חנה
און הגר — דריי קינדער — ווי טייער . . .

ער זעט גבעת־ברנר — זיין קיבוץ, —
פון אָנהייב פון סאַמע געבויט אים;
געפלעגט אים כסדר — מיט ליבע;
די קרעפטן די ריינסטע פאַרטרויט אים . . .

און ס׳גאָרע מולדת ער זעט איצט.
די ערטער די אַלע — ווי היימיש . . .
ער ליגט — אַזוי מיד — און זיך זעטיקט
מיט מקום מיט יעדן פון היימלאַנד.

ער האָט זיי פאַרלאָזן — אויף תמיד . . .
די ליבסטע פאַרלאָזן און — אַלעם . . .
אַ גאַרונג עס האָט אים פאַרשטראָמיקט,
אַ גלוסטונג אַ גרויסע — צעשטראַליקט:

צו רעטן פון חורבן די שרידים,
פון נעגל פון ברוינע באַפרייען;
זיי ברענגען קיין ארץ, די ברידער, —
אַ קערן פאַר אומה פאַר נייער . . .

און איצטער — עס טוט ניט פאַרדריסן . . .
נאָר פאַרקערט: זיין פרייד — אין לשער . . .
מיט שנייאיק צעקלאָרטן געוויסן
ער גרייט זיך, סערעני, צום פייער . . .

ער האָט זיך אינגאַנצן געשאָנקען
פאַר מענטשהייט, פאַר אומה, פאַר היימלאַנד;
איז פיינט ניט פון ענדע דער אָנקום,
איז פילט ער ניט, ענצאָ, קיין אימה . . .

אַזוי־אָ אַ חשבון ער מאַכט איצט —
אַ קראַנקער, אויף נאַרע אויף האַרטער;
און רואיק דערוואַרט ער די נאַכט איצט,
און רואיק דעם ניט־זיין דערוואַרט ער . . .

ביז איינער אַ מאָרגן קומט אָנעט
(אַ מאָרגן אַ לעצטער — באַשערטער);
דער אַכצנטער טאָג אינעם מאָנאַט
נאָוועמבער — אין יאָר פיר און פערציק.

מע פירט אים, אַ קראַנקן, אַרויסעט
אין דרויסן אין האַרבסטיק פאַרגרויטן;
מע פירט אים — כמעט שוין אַ גוסס,
מע פירט אים — כמעט שוין אַ טויטן.

מע פירט אים מיט אַנדערע יידן —
באַשטימטע צום אויוון, צום פייער;
ער טריטלט מיט אָטאָ־די ברידער,
ווי זיי שוין, — אַ קדוש וטהור . . .

ער טריטלט. און אָט איז די שוועל שוין.
אַ טיר זיך צעעפנט אַ ברייטע.
און פייער פון אויוון — עס העלט שוין,
מיט „נאַרונג" מיט פרישער דערפרייט זיך.

און ס'הילט זיך זיין לייב שוין אין פלאַמען,
און אַש נעמט פון אים שוין זיך שיטן;
און, קאָכיק, זי מישט זיך צוזאַמען
מיט אַשן פון אַנדערע יידן — —

ער פלאַקערט אין אויוונשן חלל
צעאַשט זיך, צערויכט זיך, — ביז ענדע — —
— — — — — — — — — — — —
און גייט אויף — אַ שייניקער חלום — — —
און בליט אויף — אַ העלע לעגענדע — — —

אינהאַלט:

אַריינפיר 5

טעאָדאָר הערצל 13

יוסף חיים ברענער 97

ענצאָ סערעני 149

אַ האַרציקן דאַנק פֿאָלגנדיקע פֿריינט, וואָס האָבן געהאָלפֿן אַרויסגעבן דאָס בוך: י. י. אַלבערט, עטל בירברייער, יעקב בעקער, יוסף בערמאַן, ה. גראַוּוער, ס. גרינשפּון, ה. דעקלבוים, חנה האַלפּערן, א. ווײַנטרויב, א. ליוועראַנט, ד. ליפּער, מ. לעוויט, ה. מאַלטינסקי, מאיר מענדלסאָן, מ. י. מענדלסאָן, ב. נאַטורמאַן, ה. סאַלינסקי, ג. סאַנדערס, סעם סילווער, א. פֿליישער, א. פֿעלדמאַן, הערשל קאַהן, מ. קופּערבערג, א. ראַבינאָוויטש, אַי. ראַסקיעס, מאַשאַ ראַסקיעס, יואל שטערנטאַל, נאַטע שטערנטאַל און די חברות פֿון דעם אוטרעמאָנטער לייען־קרײַז.

זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן צוויי פֿריינט — נפטרים, וועלכע האָבן צוגעהאָלפֿן צו דער בוך־אויסגאַבע: מײַן טײַערער פֿריינט, דער ליבער, איידעלער מענטש שניאור זלמן קאַהאַן ע״ה און פֿריינט קאַרל בער ע״ה.

אַ באַזונדערן דאַנק:

א) דעם קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס — פֿאַר זײַן מיטהילף צום בוך;

ב) מײַן טײַערן פֿריינט יהודה הירש — פֿאַר אַנטקעגנקומען מיר ביים דרוקן דאָס בוך מיט אַ גרויסער געפֿעליקייט. שוין ניט דאָס ערשטע מאָל, ווי אַ־דער פֿריינט מײַנער ווײַזט אַרויס צו מיר און צו מײַנע ביכער אַ גרויסאַרטיקע באַציאונג. עס ווערט אים אין בוך דערפֿאַר געווידמעט די פּאָעמע „ענצאַ סערעני״.

נ. י. גאָטליב

פון זעלבן מחבר:

בלויע גנאָד (לידער)........................קאָוונע, 1927

גאַנג (לידער און פּאָעמעס) ....קאָוונע, 1929

זעגלען אין זון (לידער)................מאָנטרעאל, 1932

איבערבוי (נאָוועלע)...................מאָנטרעאל, 1940

נייע לידער..........................מאָנטרעאל, 1943

ליטע מיין היימלאַנד (לידער און פּאָעמעס)....מאָנטרעאל, 1945

חלוצים (פּאָעמעס)....................מאָנטרעאל, 1948

אַ מענטש אין די הימלען (לידער און פּאָעמעס) מאָנטרעאל, 1950